# ילקוט ווהלין

פון טרויער צו יומטוב — וואָרט פון רעדאקציע

## ניסן פירער, משה בורקא

צום חנוכת הבית פון היכל

## ווער פירט אן מיט דער פעדעראציע אין נ. י.

אברהם גל — קינדער שרייבן

יעקב זיידל — לאָמיר אָנהויבן שרייבן די געשיכטע

יוסף רעצעפטאָר — אַ בריוו צו אַ חבר

## דוד כהן - רבי פנחס'ל קארעצער

## נתן ליבנה - שומרים

אליהו מאַנדעל — ווענט האָבן געשריען

בערדיטשעוו אַ מאָל — ד״ר צבי קאַמינסקי

שמואל ראָזענהעק — העברעישע דערציונג אין וואָלין

יעקב בן-אמתי — „נס״ פון ליסטע נומ. 18

## צבי בערגער

פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט אין איגוד

צו זיין אָנדענק


**לידער און דערציילונגען:**

אמיר גלבע, טאַניאַ טשעקווער, לייב אייזן

סילוויע באַרדיטש-גאָלדבערג, זאב גראַבאָוו


# 26

**צוזאמען מיט אַלע וואָלינער יידן אין ישראל און אין דער וועלט באַוויינען מיר דעם טויט, פון פּאָרזיצער פון וואָלינער וועלט-פאַרבאַנד**

# צבי ברגר ז"ל

## אומפאַרגעסלעכער עסקן

פאַרבאַנדן פון שטעט :

אַבערזעץ
אלעווסק
אַלעקסאַנדריע
אליק
אַמילטשין
אסאווע
אַסטילע
אסטראה
אַסטראָפאַל
אסטראזעץ
באזאר
בורימעלי
ביעלאָזאַרקע
בערעזנע
בערדיטשעוו
בערעסטעטשקע
גריצעוו
דובנא
דאַמבראָוויצע
דעמידאָווקע
דראזשנע
דרושקאפאל
האלאווי
האראכאוו
האשטש
וואלאציסק
וויסוצק
ווישנאָוויץ
ווּלאדימירעץ
ווערבאַ
ווארקאָוויטש־אזיראן
זדאלבונאָוו
זוויהיל
זשיטאָמיר
זאסלאוו
חודאקני
טארטשין
טרוביטש
טשודנאָוו
טריסק
שעפעטאָווקע
טראַכנבראָד
טשערטאריסק
יאמפאָל
לובאָר
לובאָמיל
לודוויפאָל
לודמיר
לוקאַטש
לענאַוויטש
מעזשריטש
מיזוטש
מלינאָוו
מורעוויטש
מעלניצא
מאַטשעיאָוו
סאַרנע
סודילקאָוו
סטעפען
סטאַראַ־קאָנסטאַנטינאָוו
סלאַוווטע
פאלאנע
פיטשאַיעוו
פאַריצק
קאָוועל
קוזין
קולקי
קאָניעוו
קאָסטאָפאָל
קאפעל
קאָרעץ
קליעוואן
קלאסאוו
קאמין־קאַשירסק
ראדזיווילאָוו
ראָוונע
ראזשישטש
ראָקיטנע
רומאַנאָוו
ראטנע
ראפאלאָווקע
שומסק

באַנד 4, העפט 26

# ילקוט ווהלין

אייר תשכ״ט — מאי 1969


רעדאַקציע באַמערקונגען, 2

פון טרויער צו יומטוב, וואָרט פון רעדאַקציע, 3

צום חנוכת הבית פון היכל, ניסן פירער, 4

דאָס געשריי פון די קדושים, משה בורקא, 5

דער נייער דור וועט באַלעבן, אברהם גל, 6

לאָמיר אָנהויבן שרייבן די געשיכטע, יעקב זיידל, 7

אַ בריוו צו אַ חבר, יוסף רעצעפּטאָר, 8

ווער פירט אָן מיט דער פעדעראַציע אין ניו־יאָרק, 9

שומרים, נתן ליבנה, 11

אין טייך, אין וואַלד, אויפן אַלטן מאַרק (ליד), טאַניאַ טשעקוועד, 14

ווענט האָבן געשריען, אליהו מאַנדעל, 16

די העברעישע דערציונג אין וואָלין, שמואל ראָזענהעק, 18

דער „נס״ פון ליסטע נומ. 18, יעקב בן־אמתי, 21

אַ חתונה אין שטעטל, סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג, 24

בערדיטשעוו פון אַמאָל, ד״ר צבי קאַמינסקי, 26

נעכטיקע טעג (ליד), לייב אייזן, 29

ברויט (דערציילונג), זאב גראַבאָוו, 30

רבי פנחס׳ל קאָרעצער, דור כהן, 33

ברידערגאַנג, צווישן מיינע דערנער (לידער), אמיר גלבע, 34

רב־סרן יעקב אביתר הי״ד, נ. ל. 35

רב־סרן דורון מנור הי״ד, נח דגוני, 37

פאַרגאַנגעהייט און צוקונפט אין פאַרבאַנד, צבי בערגער ז״ל, 38

אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד אין ישראל, חיים פינקעל, 39

אַלבאָם פון וואָלינער שרייבער, א. מ. פערל, 40

אין די לאַנדסמאַנשאַפטן, 41

צום אָנדענק פון צבי בערגער ז״ל:

חיים דן, משה בורקאָ, זאב אפטער, ניסן פירער,

דוד טהורי, נתן ליבנה, יוסף טאַבאַטשניק, 43

אָפּטיילונג אין ענגליש, רעדאַקטירט פון לעאָ טשעקוועד, 48


רעדאַקטאָר נתן ליבנה

אַדרעס פאַר מאַנוסקריפּטן: ילקוט ווהלין, ת.ד. 2180 — רמת־גן, ישראל

# רעדאקציע־באַמערקונגען

„די וואָס זייען מיט טרערן שניידן מיט געזאַנג". קערנדלעך וואָס מיר האָבן פאַרזייט מיט שווערער מי — דאָס אָנהויבן בויען דעם היכל, אַ פרעכטיקע מצבה פאַרן וואָלינער יידנטום, כמעט מיט ליידיקע הענט — האָבן געגעבן פרוכט און מיר פייערן דעם חנוכת הבית. דער סוף פסוק — „שניידן מיט געזאַנג" — איז ליידער נישט צוגעפּאַסט. אַ סך טרערן וועלן מיר, אין טיפן טרויער, פאַרגיסן אויך ביים „שניידן". בעתן פייערן די דערעפענונג. דאָך דאַרפן מיר זען דעם טאָג ווי אַ יומטוב, אפילו בלויז צוליב דעם וואָס די וואָלינער יידן, צעזייט און צעשפּרייט אין אַ סך לענדער, באַגעגענען זיך אין דעם טאָג צוזאַמען אין אונדזער אייגענער מדינה ישראל. עטלעכע קורצע אַרטיקלען געווידמעט דער געשעעניש, געשריבן פון מענטשן וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער אונטערנעמונג — עפענען דעם היינטיקן נומער ילקוט.

□

זייער קורצע שטריכן, אָבער געשריבן מיט אַ סך ליבע און הומאָר, וועגן אונדזערע חברים, אָנפירער פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין ניו־יאָרק — ברענגען מיר אין דעם נומער. אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט געהאַט צו דער צייט זייערע בילדער. אָבער מיר וועלן זיי אַלעמען קאָנען זען אין גיכן אין אָריגינאַל.

געשריבן האָט די נאָטיצן ה׳ ניסן פּירער, פּאָרזיצער פון דער ניו־יאָרקער פעדעראַציע. נאָר וועגן איינעם האָט ער „פאַרגעסן" צו שרייבן — וועגן זיך אַליין. איז טאַקע אַ שאָד, ווייל איצט ווייסן מיר ניט ווער איז ער און ווער איז זיין פּרוֹי אסתר. אַ ליב סימפּאַטיש פּאָר פאָלק וואָס שטאָלצירן גאָר מיט זייער וואָלינער אָפּשטאַם, און זעען אין אַלע אַנדערע וואָלינער ווי זיי וואָלטן געווען זייערע ברידער און שוועסטער מש. איז וואָלטן מיר געוואָלט וויסן מער וועגן זיי. מיר וועלן זיך טרייסטן דערמיט, וואָס לויטן יידישן נוהג אין אַמאָליקן וואָלין, האָט מען ניט אַזוי באַהערט דעם מענטשן, ווי זיינע מעשים, — און ניסן פּירערס מעשים פאַר אונדזער גאַנצן ענין זיינען זייער וואָגיקע.

□

וועגן העברעאישער דערציאונג אין וואָלין וואָס איז געווען אַ גרויסער בויענדער פאַקטאָר פאַרן וואָלינער יידנטום און וועגן פּאָליטישן דערנער־וועג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין זעלבן טייל וואָלין (פּוילן) דערציילן אונדז מענטשן וואָס זיינען געווען טיף איינגעוואָרצלט אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן און זיינען געווען צווישן די וואָס האָבן „געשאַפן געשיכטע"; ה״ה שמואל ראָזנהעק פון די העברעאישע דערציער אין וואָלין (ראָוונע) און יעקב בן־אמתי, אַ לוצקער. 2 קאַפּיטלעך זכרונות — וואָס ס׳כדאי און כדאי צו לייענען.

□

אליהו מאַנדעל פון קאָוועל דערציילט אונדז אויפס׳ניי דאָס קאַפּיטל וועגן די „טרערן־ווענט" אין דער גרויסער קאָוולער שול. מיט פּשוטע ווערטער מאָלט ער די שרעקלעכע אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט אין דער שול. די גרויסע טירומע פאַר קאָוולער יידן, ווו זיי זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן און פון וועלכער זיי זיינען געפירט געוואָרן אין זייער לעצטן וועג. שרעקלעכער עדות־זאָגן פון ווענט — ניט קיין שטומע — וועגן מורא׳דיקן סוף פון אַ פרעכטיקער יידישער קהילה.

□

דאָס געשטאַלט פון צדיק רבי פּנחס׳ל קאָרעצער, ספק לעגענדע ספק ווירקלעכקייט, ווערט באַלויכטן מיט קורצע שטריכן אָבער אין אַ באַזונדעראַרטיקן שיין דורכן ישראלדיקע שריפטשטעלער דוד כהן. אַ קורצע דערציילונג וועגן אַ נבואה פון אַ מענטשן וואָס מיט זיין גאַנץ וועזן איז ער געווען פאַרבונדן מיטן גורל פון זיינע ברידער אין גלות און זאָרגנדיק זיך זייער פאַר זייער צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פון דער קאָרעצער עדה, האָט ער ווי געזען פאַר זיינע אויגן און נביאות געזאָגט וואָס ס׳וועט געשען, דאָס מעשה׳לע איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין ביולעטין „בית קאָרעץ".

□

„סודות" פון רעדאַקציע: פאַר די לייענער פון ילקוט, וואָס ווילן וויסן „ווער איז ווער" אין ילקוט־קאָמיטעט: מ. בורקאָ, י. בן אמתי, א. גל, נ. דגוני, ש. דוכן, י. זיידל, י. טאַבאַטשניק, צ. ישיב, א. מאַנדעל, ח. פינקעל, נ. פירער, ט. טשעקווער.

די ענגלישע אָפּטיילונג, וואָס וועט געוויס פאַרגרעסערט ווערן, איז רעדאַקטירט דורך לעאָ טשעקווער. רעדאַקטאָר — נ. ליבנה.

□

און „אחרון אחרון חביב". אַ מענטשן וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן — צבי בערגער ז״ל, פאָרזיצער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד, וואָס איז גערופן געוואָרן צו ישיבה של מעלה. מיר ברענגען דאָ אין קורצן ווערטער פון חברים וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן צו זיין אָנדענק אויפן אָפענעם קבר און צו די שלושים.

# פון טרויער צו יום־טוב

„היכל יהדות ווהלין", דאָס שיינע הויז צום אָנדענק פון אומגעקומענעם וואָלינער יידנטום, עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס וואָלינער יידן אין פאַרשידענע לענדער האָבן צוזאַמען אויפגעבויט אין ישראל — דערוועקט אין אונדז צער און טרויער. האַרצקלעמענדיקע זכרונות און אַ ים מיט טרערן.

דאָך איז דער טאָג פון חנוכת הבית, פון דער־עפענונג פונעם מאָנומענט־הויז, לאָמיר האָפן אויף דורות־לאַנג — אַ יומטוב. אַ יומטוב פון וואָלינער יידן, וואָס האָבן זוכה געווען און לעבן געבליבן. וואָס אַן׳הייליקער געמיינזאַמער ציל האָט זיי פאַראייניקט צו מעשים. אָנגעצונדן אַ ליכט אין זייערע הערצער און צוזאַמען געגאַנגען אַ שטיק וועג צו דער שיין פון אָט דער ליכט. גערופן פון אַן אינעווייניקסטן רוף און אַן אײ־נערלעכן קול. אַ יומטוב פאַר די בויערס.

און יומטוב, לויטן דין, איז איבער יעדער טרויער. יומטוב קלאָגט מען נישט. יומטוב, האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, דאַרף מען זיין פריילעך. „ושמחת בחגך".

אויך מיר יידן פון וואָלינער שטאָם, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען קיין ישראל פון פאַר־שידענע לענדער צום חנוכת הבית — נאָכן מתיחד זיין זיך מיטן אָנדענק פון אונדזערע קדושים, נאָכן אויסוויינען זיך שטילערהייט און בפרהסיא — דאַרפן זיין פריילעך. אַפילו דאָס קלינגט זייער פּאַראַדאָקסאַל. פייערן מיר דאָך אויך דעם גרויסן יומטוב פון ישראלס באַפריי־אונג און אומאָפּהענגיקייט גלייך נאָכן יאָרצייט־טאָג (יום הזכרון) פון די געפאַלענע פון צה"ל.

מיר דאַרפן זיין פריילעך נישט נאָר ווייל מיר האָבן אויפגעבויט דאָס הויז, נאָר אויך, און בעיקר, דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ באַווייז, אַז דאָס וואָלינער יידנטום לעבט ווייטער. פאַראײ־ניקט זיך ווייטער. שלאָגט אויפסניי טיפע וואָרצ־לען אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, צו־קונפט. אפשר איז דאָס איינע פון די טיפע באַ־דייטונגען פון תחיית המתים. צו האָבן מיר דען אַלע נישט געזען, ווי אַזוי אַ גאַנץ פאָלק לעבט ווידער אויף — אונדזער פאָלק ישראל.

מיר דאַרפן זיין פריילעך, ווייל די טויזנט יאָריקע געשיכטע פון וואָלינער יידנטום, צווישן זיי גייסטיקע ריזן און האַרציקע פאָלקסמענטשן פון אַלע שיכטן, האָט זיך נישט געענדיקט, ווי מיר אַליין האָבן צוערשט געמיינט. ווי מחיה׳דיק גוט וואָס אונדזער אַנאַליז איז געווען אַ פאַלשע. נאָך מער, אין דער געשיכטע פון וואָלינער יידנטום הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל, אַ קאַפּיטל פון נייע דורות פון אַלטן אָפּשטאַם מיט האַרץ און נשמה, וואָס איז אונדז אַזוי גוט באַקאַנט.

מיר ברענגען אין דעם ילקוט אַ קליין מעשהלע וועגן באַוווסטן צדיק רבי פנחס׳ל קאָרעצער פון ישראלדיקן שרײַפטשטעלער דוד כהן, אין יידישער איבערזעצונג.

דער צדק רבי פנחס׳ל זאָגט צו די פרנסי הצבור פון די קאָרעצער יידן, ליגנדיק אויף זיין קראַנקנבעט — דאָס איז געווען ערב זיין פטירה, נאָכדעם, וואָס פון הימל האָט מען מעכב געווען זיין עליה קיין ארץ־ישראל — ער האָט געזאָגט מיט אַ גרויס געוויין: „איך זע די שטאָט קאָ־רעץ — און נישט נאָר קיין לעבעדיקע יידן זיינען דאָרט נישטאָ — נאָר אויך קיין טויטע יידן זיינען דאָרט נישטאָ. נישטאָ קיין מצבה אויף זייערע קברים". און מיט אַ שטאַרקערער שטימע: „כ׳זע אַ ליכט גייט אויף פון ארץ־ישראל — די איבערגעבליבענע פון שטאָט וועלן זיך צונויפזאַמלען קיין ארץ־ישראל. דאָרטן וועלן זיי אויפסניי אויפלעבן דעם נאָמען פון שטאָט — און קאָרעץ וועט נישט אונטערגיין".

און ווירקלעך. דאָס וואָלינער יידנטום איז נישט אונטערגעגאַנגען. די מערהייט פון זיי לעבט אין ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, לאָמיר זיך צונויפקלייבן אין ישראל וואָס מער. לאָמיר טון אַלץ, כדי דאָס האַרציקע טיפוואָרצלדיקע וואָלינער יידנטום זאָל קיינמאָל נישט אונטערגיין. כדי דער גייסט פון דעם יידנטום זאָל אויפסניי אויפלעבן הויך און טיף. לאָמיר טראָגן מיט שטאָלץ דעם נאָמען פון אונ־דזערע גרויסע אומגעקומענע קדושים.

ילקוט ווהלין

ניסן פירער

# צום חנוכת הבית פון „היכל"

דער חנוכת־הבית פון „היכל" צום אָנדענק פון וואָלינער יידנטום; אונדזער באַגעגעניש אין ישראל און אונדזערע ווייטערדיקע פּלענער — דאָס אַלץ איז נישט נאָר וויכטיק אין איצטיקן מאָמענט, נאָר אויך פאַר דער צוקונפט פון אונדזערע קינדער, אין די קומענדיקע דורות.

מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט אונדזער דערגרייכונג.

ווי געוויינלעך, ביי בויען גרויסע בשותפותדיקע ווערק זיינען דאָ אויך מיספאַרשטענדענישן. זיי זיינען באַזייטיקט געוואָרן. מיר האָבן באַזיגט אויך גרעסערע שוועריקייטן. די באמת ברידערלעכע באַציאונגען צווישן אונדז — איז אַ נצחון אַן־און־פאַר־זיך.

מיר דאַרפן זיך נישט אַריינלאָזן, מעשה סוחר, אין חשבונות, ווער ס׳האָט מער אָדער ווייניקער געטון אָדער געשאַפן פאַרן „היכל". געוויס איז דאָס אַ בשותפותדיקער ענין און די אחריות איז אַ געמיינזאַמע.

בפרט איצט, נאָך דעם היטלער־קאַטאַקליזם, ווען ס׳גאַנצע וואָלינער יידישע לעבן איז אָפּגעמעקט געוואָרן, איז דער „היכל" געבליבן דאָס איינציקע אָרט, וואָס וועט נאָך אַ סך יאָרן דערמאָנען אונדזער עבר, און אפשר דערמעגלעכן אַ המשך פאַר אונדזערע קינדער....

ביי דער געלעגנהייט, וויל איך אויסדריקן גרויס אנערקענונג צו די וואָלינער חברים און חברות אין ישראל; קודם־כל, די צוויי בעלי־חלומות און גייסטיקע אַרכיטעקטן פון דעם פּראָיעקט, די טייערע חברים אריה אבטיחי און צבי ברגר ז״ל, וועמען דער בייזער גורל האָט נישט דערלויבט פייערן צוזאַמען מיט אונדז דעם חנוכת־הבית. און אייך אַלע, צו לאַנגע יאָרן, אַלע ישראלדיקע חברים, וועלכע האָבן אַזוי ענערגיש געטון און געבויט — אַ האַרציקן יישר כוח !

בקרוב וועלן מיר, די טוריסטן, זיך אומקערן צו אונדזערע ערטער פון וואַנען מיר זיינען געקומען, און חברים אין ישראל וועלן בלייבן די שומרים פון דער בוים, וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרפלאַנצט אין גבעתיים. זעט אַז די פרוכטן פון אונדזער מי זאָלן חלילה נישט פאַרדאַרבן ווערן...

עס איז פאַר מיר אַ זכות און אַ פאַרגעניגן ביי דער געלעגנהייט צו באַדאַנקען מיינע טייערע חברים און חברות פון ניו־יאָרק, וועלכע שטייען מיט מיר זייט־ביי־זייט פון ערשטן טאָג אָן. ווער נאָך ווייסט, ווי איך, מיט וויפל מי און אָנשטרענגונגען, מיט וויפל ליבשאַפט און איבערגעגעבנהייט איר האָט געווידמעט אייערע כוחות פאַר דעם אויפבוי פון דעם „היכל", אַלס הייליקער דענקמאָל פאַר וואָלינער יידנטום. זייט האַר־ציק באַגריסט.

מיר דאַנקען אַלע אונדזערע חברים אין אַלע אַנדערע לענדער וואָס האָבן צוגעלייגט האַנט־און־האַרץ צו אונדזער ווערק.

מיר דאַנקען דעם זעליקן ראש העיר גבעתיים, בן־צבי ז״ל און דעם איצטיקן ראש העיר יב״ל ה׳ ק. קרייזמאַן און אַלע מיטגלידער פון שטאָט־ראַט פון דער שיינער שטאָט גבעתיים, פאַר דעם צוטיילן אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר דעם „היכל"; פאַר דער קאָאָפּעראַציע און מיטהילף ביים בויען און אויסענדיקן דעם בנין. איך בין זיכער, אַז גבעתיימער איינוווינער וועלן תמיד שאַצן דעם צענטער מיט קעגנזייטיקע געפילן, אַזוי ווי מיר, די בויער פון דעם „היכל", און וועלן געניסן פון קולטורעלער אַרבעט צווישן זיינע ווענט.

משה בורקא

# דאס געשרײ פון די קדושים איז דערהערט געוואָרן אין ישראל

**צום חנוכת הבית פון היכל יהדות ווהלין**

מער פון 25 יאָר זײַנען שוין אַריבער זינט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער ס'זײַנען אָפּגעמעקט געוואָרן 165 וואָלינער קהי־לות; זינט ס'פאַרשניטן געוואָרן אַ פּרעכטיקער יידישער שבט, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן בערך טויזנט יאָר אויף דער וואָלינער ערד.

די פאַרגאַנגענע צייט — נישט נאָר וואָס זי האָט געהיילט דעם ווייטיק און טיפן צער, נאָר פאַרקערט. ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן אפילו די שוואַכע האָפענונג צו ברענגען ביינער פון די ברידער־קברים אין וואָלין קיין ישראל, כדי דאָ אויפשטעלן מצבות פאַר אונדזערע קדושים; לויט די דערהאַלטענע ידיעות, זעצן פאַר די נאַציִשע תלמידים, זייערע מיטהעלפער און קאָנקורענטן זייער פאַרברעכערישע שנאה צו יידן און זײַנען מחלל און צעשטערן די ברידער־קברים און פאַר־ניכטן די בית־עלמינ'ס כמעט אין אַלע וואָלינער ישובים.

שונאי ישראל האָבן זיך פאַראייניקט נישט נאָר צו פאַרפאָלגן די פאַרבליבענע יידישע רעשטלעך פון דער קאַטאַסטראָפע, נאָר באַמיען זיך מיט פאַרשידענע מיטלען אָפּמעקן אַפילו יעדן זכר פון די קדושים, וועלכע זײַנען טייל־ווייז אומגעבראַכט געוואָרן מיט זייער הילף. לויטן אַלטן כלל פון „הבה נתחכמה" באַגייען זיין נאָכאַמאָל אַ גייסטיקן מאָרד דורך דעם, וואָס זיי פאַרלייקענען די נאַציאָנאַלע צוגע־העריקייט פון די קדושים צום יידישן פאָלק. וויסנדיק גוט, אַז בלויז זייער יידישקייט איז געווען דער איינציקער גורם פאַר זייער אומקום נעמען זיי זיי אַריין אין דער אַלגעמיינער צאָל פון די מלחמה־קרבנות פון פוילן, אוקראַינע, לי־טע, רוסלאַנד א.א.וו. גלייכצייטיק ווערט דאָס ביסעלע יידן, וואָס זײַנען זײַנער צייט פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם קאָמוניסטישן געדאַנק און האָבן אים אַוועקגעגעבן אַלע זייערע כוחות און פעאיקייטן, האָבן פאַר דעם אידעאַל געליטן, און אַ טייל האָבן אַפילו פאַרלקיינט זייער אָנגע־העריקייט צום יידישן פאָלק — געשטעמפּלט אַלס „ציוניסטן", וואָס זייער איינציקער ציל איז שאָדן ברענגען דער מדינה און געזעלשאַפט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, אין וועלכע זיי וווינען. אַפילו די אַסימילירטע יידן, וועלכע האָבן זייער גאַנצן לעבן געקעמפט קעגן ציוניזם, זײַנען פּלוצים פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַגענטן און שפּיאָנען פון מדינת ישראל, קעגן וועלכער די קאָמוניסטישע הערשער און פירער האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט אַזעלכע כשרע „קאָמוניסטן", ווי דער קעניג כוסיין, דער פירער נאַצער און אַנדערע דיקטאַטאָרן פון איראַק, סיריע, אַלזשיר א. אַנד.

אין די אויגן פון די קאָמוניסטישע הערשער איז די קליינינקע דעמאָקראַטישע מדינת ישראל, אירע געזעצן, פירער און איינוווינער, וועלכע זײַנען אַרומגערינגלט מיט שונאים און מוזן פונעם ערשטן טאָג אָן קעמפן פאַר זייער עקזיס־טענץ; די מדינה וואָס האָט טראָץ דעם, במשך פון איר 20־יאָריקער עקזיסטענץ, געשאַפן זאַכן, וועלכע ווערן באַוואונדערט פון אַ סך אַלטע, איינ־געפונדעוועטע מדינות, און פיל פעלקער לערנען זיך פון איר; אָט דאָס מדינהלע איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די קאָמוניסטישע משיחים און זיי טוען אַלץ, כדי צו שטאַרקן נאַצערן, כוסיינען, סיריע א. א., כדי זיי זאָלן פאַרניכטן מדינת ישראל.

אינעם קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ און פאַרפעסטיקונג פון אונדזער מדינה, וועלן מיר דעריבער שטענדיק זען פאַר זיך דעם גורל פון אונדזערע קדושים, פון אונדזערע עלטערן, וועלכע זײַנען אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרפאָלגט און גערודפט געוואָרן אין די גלות־לענדער; וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט שטרעבן קיין ציון אָבער נישט זוכה געווען זייער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן.

אין אונדזער קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ וועלן מיר שטענדיק געדענקען די אַכזריותדיקע מעשים, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן איבער אונדזערע עלטערן. זיי וועלן דינען אַלס ביי־שפּיל פאַר אונדז, כדי דאָס אַלץ זאָל זיך נישט

איבערהזרן. ווערן אָבער אויך גערופן די קינדער פון מעשים, זיי זאָלן זיין אַ סימן פאַר די עלטערן. מיט אַנדערע ווערטער: אויפשטעלן אַן אָנדענק פאַר אונדזערע אומגעבראַכטע עלטערן אין ישראל. ס׳איז נישט גענוג דערמאָנען זייער זכר איין מאָל אין יאָר אויף אזכרות; מיר דאַרפן אויפטון אַזוינס, אַז ס׳זאָל דערמאָנען אונדז און אונדזערע קינדער און די קומענדיקע דורות, טאָג־איין, טאָג־אויס.

דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער אָפּשטאַמיקע אין ישראל האָט דעריבער, אַלס ערשטער שריט, אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל פאַר די וואָלינער קדושים און קהילות אין ישראל, דעם „היכל יהודות ווהלין".

אין דאָזיקן היכל, אין וועלכע ס׳וועלן פאַראייביקט ווערן אַלע אומגעבראַכטע וואָלינער יידישע קהילות און ישובים, קען יעדער איינער פאַראייביקן זיינע קדושים און פאַרשטאָרבענע אויף אַ „דף הנצחה" (פאַראייביקונגס־בלאַט), וועלכער וועט אָפּגעהיט ווערן אין ספּעציעלן התייחדות־זאַל פונעם היכל. אָדער אויף אַ מעטאַלענעם טאָוול ביים איינגאַנג אין דערמאָנטן זאַל. די בלעטער און טאָוולען וועלן דינען אַלס סימבאָלישע מצבות פאַר די קדושים, וועלכע זיינען צו קבר ישראל נישט געבראַכט געוואָרן און צו קיין מצבה נישט זוכה געווען, ווי אויך אַלס זכר לדורות פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט אונדז געטראָפן.

זאָל דאָס דינען אַלס באַווייז, אַז דער רוף פון אונדזערע קדושים, וועלכע האָבן אויסגעהויכט זייערע ריינע נשמות מיט „שמע ישראל", איז דערהערט געוואָרן און זייער אָנדענק איז פאַראייביקט געוואָרן — דאָ, אין מדינת ישראל.

## אברהם גל
## דער נייער דור וועט באַלעבן דעם היכל

כדי דער „היכל" זאָל אין משך פון די יאָרן נישט פאַרגעסן ווערן און נישט בלייבן אַ שטיינערנע מצבה בלויז, דאַרף מען אים אָנפילן מיט אינהאַלט און מעשים. און בעיקר, צוציען צו אים די יינגע דורות.

און ווירקלעך. שוין עטלעכע יאָר, אַז ס׳פירט זיך אין ישראל אַן אַקציע אין די גרונטשולן און אויך אין די מיטלשולן פון „פאַראייביקן" קהילות.

די קינדער לערנען די געשיכטע פון אַ געוויסער קהילה — יעדע שולע אַן אַנדערע קהילה — באַגעגענען זיך מיט מענטשן פון „זייער" קהילה, פרעגן און „פאָרשן" זיי אויס, הערן אויס פאַרשידענע דערציילונגען און באַשרייבן דאָס אַלץ. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ קינדער־ליטעראַטור צום אָנדענק פון אַ סך אומגעקומענע קהילות און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך אַ סך וואָלינער קהילות.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע ביישפּילן, אַרויסגענומען פון פאַרשידענע בראָשורן, ווי אַזוי קינדער שרייבן און דערציילן.

דערציילט יהודית מאַרקאָטאָווסקי פון שולע א. ב. פון א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט אַראָפּטירט קאָסטאָפּאָל:

„...אַלס 14־יאָריקע סאָברע איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס דאָרט איז געשען. לייענענדיק פאַרשידענע ליטעראַטור פון דער גרויסער טראַגעדיע, איז מיר שווער געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי האָט געקאָנט פאָרקומען אַזאַ גרויסע טראַגעדיע אין מיטן 20־טן יאָרהונדערט. אין אָוונט, ווען ס׳פאַרגעקומען די אַדאָפּטירונג־צערעמאָניע אין דער שולע, איז מיר פּלוצים אַלץ קלאָר געוואָרן.."

שלמה צדוק פון נס־ציונה, וואָס די שולע, ווו ער לערנט האָט אַדאָפּטירט סאַרנע, רופט: „...ווען איך וואָלט געקאָנט העלפן לכל־הפחות איין הונגעריק קינד, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אים געבן אַ בלום, די בלום, וואָס ער האָט געזען דורכן פאַרקן און איר נישט געקענט אָנרירן.. ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אים צודעקן ביינאַכט, ער זאָל נישט ציטערן פון קעלט... ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אים פון געטאָ אַרויסכאַפּן און אים ברענגען אין די זוניקע פעלדער, ער זאָל אַ ביסל זיין ווייטיק פאַרגעסן... ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אין געטאָ אַריינקומען זיך מיט אים אַ ביסל שפּילן און אים דערציילן וועגן בוך, וואָס איך האָב געלייענט... ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אים מיט עפּעס העלפן..."

פרעגט אביחי אורן פון מג״ד שולע אין רעננה וואָס האָט אַדאַפּטירט קאָוועל: „...ווו זענען די אַלע קאָוולער יידן? ווו איז די יידישע שטאָט קאָוועל? אַלץ איז אָפּגעמעקט. נעכטן נאָך עקזיסטירט, געלעבט — און איצט — נישטאָ מער...״

די קינדער שרייבן און באַשרייבן און פון צייט צו צייט רייסן זיך ביי זיי אַרויס ריטמישע שורות, אַזוי ווי ס׳האָט געטון עירית כרמי פון סאַוויאָן־גני יהודה־שולע, וואָס האָט אַדאַפּטירט ראָוונע:

שאַ־שטיל. ס׳זיצן אַלע שילער און לערער
און וואַרטן די געסט זאָלן אַריינקומען.
די טיר עפנט זיך שטיל און ראָוונער יידן
גייען אַרויף אויף דער בינע.
אַלע אויגן קוקן אויף זיי, ווען זיי דערציילן:
„ס׳געווען אַ גרויסע שטאָט מיט יידן...״
און דערציילן און דערציילן. און אין די אויגן
גלאַנצן טרערן. קינדער וויינען אויף אַ שטאָט
מיט יידן, וואָס זיינען אומגעקומען
אין טייכן בלוט.
ס׳שטיל אין צימער. פון די ווענט אַראָפּ, שרייען בילדער.
איך האָב נישט מער קיין מוט צו אָטעמען.

ווען דער „היכל״ וועט עפענען זיינע טירן, וועלן זיך ציען צו אים די אַלע שילער, וואָס לערנען איצט די פאַרגאַנגענהייט פון וואָלינער יידנטום. וועגן דעם יידנטום האָבן אַ סך געשריבן און צווישן זיי דער העברעאישער דיכטער פון וואָלין יצחק למדן: „דאָס איז געווען אַ האַרציק יידנטום, וואָס האָט געשפּרודלט מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט צו כנסת ישראל, ווי די וואָלינער טייכן, וואָס שטראָמען שטיל איבער וואָלינער וועלדער און פעלדער. אַלע שאַפונגען פון וואָלינער יידנטום זענען אַזוי פול מיט האַרציקייט — — — ״

זאָל געבענטשט זיין דער טאָג, אין וועלכן דער היכל איז געעפנט געוואָרן!

יעקב זיידל

## לאָמיר אָנהויבן שרייבן
## די געשיכטע פון וואָלינער יידנטום

**(אַ פאָרשלאָג)**

בערך 2 טויזנט יאָרן האָבן עקזיסטירט יידישע ישובים אין וואָלין. דער נאַצישער גיהנום האָט אַלץ אָפּגעווישט, ווי אַ שטורם־ווינט. אפילו די טויטע אומשטענדן, ווי אַלטע מצבות, אַלטע שולן א. א. וו. וועלכע דינען געוויינלעך אַלס טיילווייזע עדות ווערן שנעל פאַרשוואונדן. פון די אַלטע שולן איז קיין זכר נישט געבליבן, און מצבות, וואָס דינען די גאַנצע צייט אַלס אוצר פון ברוקיר־שטיינער, וועלן זיך מן הסתם אַלע איינגיכן אויסלאָזן...

דעם ווערט פון אַלטע מצבות האָט פאַרשטאַנען זיינער צייט דער גרינדער פון דער פוילישע אַרמיי, יוזעף פילסודסקי, און זיך באַנוצט דערמיט אַלס פעסטן אַרגומענט צו זיינע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס און צו באַגרינדן היסטאָרישע אמתן.

אין יאָר 1918/19 איז אָנגעקומען פילסודסקי קיין ראָוונע, זוכנדיק מאָראַלישע שטיצע ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג צו זיין „מאַרש אויף מזרח״. ער האָט צוזאַמענגערופן אָנפירנדע פערזענלעכקייטן פון שטאָט און האָט פאַר זיי דערקלערט די פוילישע רעכט אויף וואָלין. צווישן די איינגעלאַדענע איז אויך געווען ד״ר סגל (באַקומען דערלויבעניש פון פילסודסקין רעדן רוסיש). ד״ר סגל האָט געצווייפלט אין די אַרגומענטן פון פילסודסקין אויף די רעכט פון פוילן אויף וואָלין, ווייל דאָרפישע באַפעלקערונג באַשטייט פון מאַלאָרוסן (אוקריינער) און די שטאָטישע באַפעלקערונג איז מערסטנטייל אַ יידישע. האָט אים פילסודסקי געענטפערט: „אויב אַלע מיינע אַרגומענטן זיינען דיר ווייניק, טאָ זיי זיך מטריח און גיי אַריבער אויפן אלטן יידישן בית־עולם, דאָרט וועסטו געפינען מצבות מיט אַ סך אויפשריפטן אין דער פוילישער שפּראַך. אפשר וועט דאָס דיר איבערצייגן אַז דיינע עלטערן און אור־עלטערן רוען אין פוילישער ערד״.

ווי שוין דערמאָנט, אַלטע מצבות גייען און לאָזן זיך אויס. אויף די ברידער־קברים, די קרבנות פון די נאַצישע שחיטות, זיינען בכ־

לל קיין מצבות נישטאָ. מיר האָבן נישט קיין צוטריט צו די שטאָט־פּאַרוואַלטונגען, וואָס אפשר איז עפּעס געבליבן אין זייערע אַרכיוון, ווייל זיי זיינען געווען אין נישט יידישע הענט.

מיין פאָרשלאַג איז אויפשטעלן ווי אמשנעלסטן אַ קאָמיסיע, דערווייל פון יונגע היסטאָריקער, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט צונויפזאַמלען אַלע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס נאָר מעגלעך וועגן לעבן פון יידן אין וואָלין פון אָנהויב אָן ביז היינט צו טאָג.

דאָס דאַרף זיין אונדזער צווייטע אויפגאַבע נאָכן פאַרענדיקן דעם „היכל". די זאַך איז זייער דרינגענד, ווייל די צייט שטייט נישט. דאָס מוזן אויספירן די וואָלינער יידן וואָס לעבן אין היינטיקן דור.

יוסף רעצעפטאַר

# א בריוו צו א חבר

צו געדענקסטו נאָך דאָס קאַפּיטל „אלו דברים שאין להם שיעור" פון תפילות שחרית?

זעקס יאָר האָבן מיר דאָס צוזאַמען געלערנט. שפּעטער־צו, ווען מיר זיינען אַ ביסל עלטער געוואָרן, ווען מיר פלעגן זיך צוריקקערן אַ היים אין די פינצטערע ווינטער־אָוונטן מיט לאַמטערנעס אין די הענט, האָסטו געטענהט אַז פון די אַלע גוטע מידות וואָס זיינען דאָרטן דערמאָנט געפעלן דיר אַמבעסטן און וועסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די מידות פון כבוד אב ואם, גמילות חסדים, הכנסת אורחים און לוויית המת.

וווּנדערסט זיך אַוודאי, וואָס פּלוצים דערמאָן איך דיר זאַכן פון 50 ־ 40 יאָר צוריק?

וועל איך דיר זאָגן: ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אויף אַ חתונה פון אונדזער אַ בן־עיר און מיר האָבן געשמועסט אויך וועגן היכל וואָלין וואָס בויט זיך, שוין כמעט 3 יאָר אין ישראל און האָלט ביי פאַרענדיקט ווערן, האָסטו זיך די האָר פון קאָפּ געריסן, ווייל ביז היינט האָסטו נישט געשיקט דיין ביישטייער און האָסט צוגעזאָגט דאָס טאָן נאָך היינטיקע וואָך.

און אָט, זיינען שוין אריבער מאָנאַטן און דו האָסט דיין וואָרט נישט געהאַלטן. דאָס וווּנדערט מיך זייער.

צו ווייסטו נישט, אַזוי ווי איך, אַז די ביינער פון אונדזערע קדושים וואַלגערן זיך, שוין יאָרן־לאַנג אין די פעלדער פון אוקריינע און געוועזענע פוילן און וואַרטן אויף זייער תיקון?

צו ווייסטו נישט, אַז אויב מיר אַליין וועלן נישט זאָרגן וועט קיינער נישט זאָרגן און קיינער וועט נישט טון די מלאכה פאַר אונדז?

צו ווייסטו נישט, אַז מאָרגן קען זיין צו שפּעט?

צו ווייסטו נישט, אַז די צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע קרבנות האָבן געוויס געקלערט, אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, איידער זיי זענען אומגעקומען, אַז זייערע גליקלעכע זין־טעכטער־קרובים־פריינט אין אַנדערע לענדער, ווו די מערדערישע האַנט האָט זיי נישט דערגרייכט, וועלן געוויס נישט פאַרגעסן די גרויס עוולה וואָס ס'איז זיי געטאָן געוואָרן און זיי וועלן פאַראייביקן זייער אָנדענק פאַר די קומענדיקע דורות.

און, לויט ווי איך קען דיך, האָסטו דאָך נישט געביטן דיין מיינונג וועגן כבוד אב ואם, גמילות־חסדים און לוויית המת.

כ'שרייב „גמילות חסדים", אָבער וואָס מיר זענען שולדיק אונדזערע אומגעקומענע משפחות איז פיל מער פון גמילות־חסדים. דאָס איז אַ הייליקער חוב.

און אפשר איז עס אַ טעות. אפשר האָסטו פּשוט פאַרגעסן דיין צוזאָג פון חודש סעפּטעמבער פאַר־אַ־יאָרן — און, דאַמאָלס, זיי מיר מוחל פאַר מיין לאַנגן, לאַנגן בריוו.

פּאַריז. דיין חבר פון קינדער־יאָרן

# ווער פירט אן מיט דער פעדעראציע אין ניו־יארק

**משה־דוד בעל.** וויצע־פרעזידענט, געבוירן אין לוצק. פּאַבליסיטי־דירעקטאָר פון דער „פעדעראַציע". פאַרעפנטלעכט פון מאָל־צו־מאָל אַרטיקלען אין יידישע צייטונגען. טוענדיק לטובת דעם „היכל", פאַרטיפט ער זיך אַזוי שטאַרק, ביז ס'ווערט שפּעט אַהיימצוגיין, און נעכטיקט אַביסל איבער... אַ געמיטלעכער רעדנער. ער מיט זיין ה ע ל ע ן,ביידע זיינען זייער פּעאיק צו זיין טייערע פריינט. טעטיק פון ערשטן טאָג אָן.

**ד"ר מרדכי יונה גיבור.** וויצע־פרעזידענט, געבוירן אין טארטשין, פּרעזידיום־חבר. טעטיק פון ערשטן טאָג לטובת דעם „היכל". אַ ליבהאָבער פון יידיש אין „אייביקער סטודענט" אַ מלמד־זכות — אַלס רעדנער. ער מיט זיין ד אָ ר אָ ט י ן זיינען האַרציקע מענטשן און זייער היים איז שטענדיק אָפן פאַר צוזאַמענקונפטן.

**אברהם געפטער.** אַ ראָוונער, פאָרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, פּרעזידיום־חבר. אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראציע פון ערשטן טאָג אָן. פאַראַנטוואָרטלעך. נעמט ער זיך עפּעס אונטער — מעג ברענען. ער פירט דאָס אויס. איז נישטאָ ווו אָפּצוהאַלטן אַ זיצונג? — איז זייער היים אַ צענטער. לעצטנס האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין ראָוונער פאַראיין און איז טעטיק, אַריינצוציען די ראָוונער אין דער „פעדעראַציע".

**אברהם גערשענזאָן.** דער בכור אין דער פעדעראציע, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון זיין טאָרטשינער סאָסייטע, די בכבודיקסטע וואָלינער אָרגאַניזאַציע, אַ שם־דבר אין דער יידישער גאַס אין נ. י. ער שרייבט פּראָטאָקאָלן, קונסט־ליטעראַטור! נאָך יעדן פּראָטאָקאָל, הערט מען אַפּלאָדיסמענטן. ער מיט זיין ח נ ה׳ ן זיינען אָנגעשלאָסן פון ערשטן טאָג אָן.

**ד"ר יעקב טובלין.** דער ניי־אויסגעוויילטער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע. אַ טאָרטשינער געבוירענער, געוועזענער קאָנטראָלער פון דער פעדעראַציע, מיט אַ געזונטן חוש פאַר פּראַקטישע לייזונגען פון פּראָבלעמען. אים איז ב"ה, גוט. זיין פרוי פ ע נ י איז אויך אַקטיוו אַלס פאָרזיצערן פון די „זיך־פלעצער"־טאָוולען אין דעם אודיטאָריום. ד"ר טובלין האָט נישט מורא פאַר זיין פרוי אַהיים קומען שפּעט ביינאַכט.. זי גייט מיט צו די זיצונגען. אַ האַרציק, קולטורעל פּאָר־פאָלק, ביז 120 יאָר.

**מאיר טובלין.** דער „מוזיניק" אין דער „פעדעראַציע", וויצע־פּרעזידענט און פּרעזידיום־חבר. ער איז פּרעזידענט פון דער טאָרטשינער סאָסייטע, אַ רעדנער מיט חסידישער התלהבות. ווען מאיר רעדט — רעדן ביי אים אַלע אברים. איז תמיד גרייט געבן גוטע עצות, אַז אַנדערע זאָלן טון. פירט אַ זיצונג חסידיש־יידיש. ער מיט זיין ע ד נ ה זיינען די ליבלינגען אין דער פעדעראציע.

**בצלאל קרעווענס.** דער זיידענער טשודנעווער ייד, וויצע־פּרעזידענט אין פּרעזידיום. רעדט געלאַסן, שטיל, קיינמאָל נישט אויפגערעגט. און אַזוי פירט ער אויס אַלץ וואָס ער לייגט פאָר. אין ישראל וואָלט ער אפשר געווען פּאָפּולערער פון משה דיין... אַקטיוו, חוץ אין דער פעדעראַציע, אויך אין אַ צאָל וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פירט זיך סטאַטיש און נעמט מיט זיין ט אָ נ י ן צו זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

**יעקב עלבירט.** געבוירן אין לוצק, איבערגעלעבט דעם גיהנום אין לוצק, אַ באַשיידענער, אַ האַרציקער חבר און טוער, קאַסירער אין דער פעדעראציע, אָנגעשלאָסן מיט זיין גאַנ־

צער ענערגיע פון פאַר־בראשית. איז טעטיק אויף אַלע געביטן אין דער אַרבעט פון „היכל״. קיין זאַך איז פאַר אים נישט שווער, אַפּטע זיצונגען אין זיין היים, ווו זיין לאַראַ איז גאַסטפריינטלעך. אַ לאַגישער און אויסגערעכנ־טער מענטש, מיט אַ ברייטן פאַרנעם און שווונג.

**ירוך טשאַפּניק.** געבוירן אין טאָרטשין. חבר פון פרעזידיום, פאָרזיצער פון דירעקטאָרן־מיט־גלידער אין „היכל״־אַרבעט. טעטיק אין אַנדערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס. נישטאָ ביי אים קיין שווערער ענין. שטענדיק גרייט צו טאָן אַ־ן דער־ליידיקן.

**שמואל שניטער.** געבוירן אין לאָקאַטש, ווי־צע־פּרעזידענט, מיטגליד אין פרעזידיום. אַ וויכ־טיקער אָנפירער אין דער מענער־שניידער יוניאָן, „אמאַלגאַמייטעד״, אַ פאַרוואַלטער פון אַ צאָל אַרבעטער, ווענען ער פאַרטרעט, אַ ליבער חבר. ער איז פאָרזיצער ביי דעם „לאָקאַטשער־רע־ליעף קאָמיטעט״.

**חנה מעלניק.** געבוירן אין אַמעריקע, איר מאַן, ה׳ מעלניק, אַן אָפּשטאַמיקער פון ראָוו־נע. געוועזענע סעקרעטאַרין פון דער „פעדע־ראַציע״ פון ערשטן טאָג, האָט געווידמעט אַ סך ענערגיע און טעטיקייט לטובת דעם „היכל״, זיך דערוואָרבן גרויס אנערקענונג. איצט אויף „אורלויב״, לויט איר ביטע. אלס אנערקענונג פאַר איר איבערגעגעבענער לאַנג־יאָריקער אַר־בעט האָט די פעדעראַציע איינגעאָרדנט אַ ספּע־ציעלן אָוונט, ווו חוץ די רעדעס מיט די אָפּ־שאַצונגען, איז איר צוגעטיילט געוואָרן אַ ספּע־ציעלער סייטיישן.

**ריימאָנט געבינער.** געבוירענער אין ראָוונע. פאַרוואַלטער פון „היאס״־קאָנסיל פון אָרגאַני־זאַציעס, אַ וויכטיקער פירער און טוער פון דער „הכנסת־אורחים״ אין אַמעריקע. אַ האַרציקער מיטאַרבעטער אין דער פעדעראַציע, ווו ער העלפט מיט ראַט־און־טאַט. זיין הילף פאַר דעם „היכל״ ווערט הויך געשאַצט און אנערקענט ביי אַלע חברים, ער טוט זיין טייל וויכטיקע אַרבעט באַשיידן און מיט האַרץ.

**יחיאל דובעקירער.** געבוירן אין ראָוונע. די־רעקטאָר פון לאַנדסמאַנשאַפט דיוויזיע אין די באַנדס־פאַר־ישראל. אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער אין דער פעדעראַציע פון וואָלינער יידן, דער ערשטער וועלכער האָט אונדז געגעבן אַדרעסן און אַנווייזונגען צו וואָלינער אָרגאַניזאַציעס און העלפט אין דער ארבעט פאַרן „היכל״. ביז היינט צו טאָג.

**מנחם קולארי** מיט זיין טאָרטשין געבוירענער העלאַ, פאָרזיצער פון טור־קאָמיטעט, טעטי־קער חבר אין פרעזידיום. העלפט ווען נאָר מ׳בעט אים.

**דוד און פאַלין שענטאָפּ** (לודמיר). פון די ערשטע אַקטיווע אָנטיילנעמער אין דער פעדע־ראַציע. ווי באַקאַנט, האָט לודמיר געשמט, ניט נאָר אין וואָלין, נאָר אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט מיט איר... מויד. די לודמירער מויד. ניט ווייניקער שמ׳ען די שענטאָפּס צווישן אונדזערע חברים, אין זכות פון זייער איבער־געגעבענער אַרבעט זיינען זיי געווויס באַרעכ־טיקט געקרוינט ווערן אַלס די מאָדערנע לוד־מירער...!

בכלל פאַרמאָגן מיר אַן אוצר און קוואַל פון טייערע און האַרציקע וואָלינער מענטשן — אין ניו־יאָרק, מיט וועלכע מיר אַלע וואָלינער מעגן זיין שטאָלץ. זייט אַלע וואָלינער אין אַמעריקע געגריסט!

## רס״ן דורון מנור

(סוף פון זייט 37)

האָט געטראָפן 9 סאַלדאַטן אונדזערע. ס׳זיינען געפאַלן רב־סרן דורון, סגן־אלוף משה פּלס (שטעמפּעל) און נאָך 4. די גאַנצע באַנדע איז דערנאָך דערהרגעט געוואָרן אין פאַרלויף פון שלאַכט.

דורון איז געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אין מיליטערישן בית־הקברות אין קרית שאול נעבן קאָמאַנדיר פּלס (סטעמפּעל), וואָס צו־זאַמען האָבן זיי דורכגעמאַכט אַ שטיק, בלו־טיקן וועג, אָבער העראָיש און העלדיש.

**נח דגוני**

נתן ליבנה

# שומרים

## נעכטן און היינט. ✶ אין ליכט פון ביאַליקס אַ ליד. ✶ אַן אַראַבישער שלום־עליכם.

ערשט נעכטן איז מער ווי א דריטל פון אונדזער פאָלק אַזוי מערדעריש דערטרונקען געוואָרן אין אַ בלוטיקן מבול. היינט זיינען מיר זיך אַלע צונויפגעקומען אין אונדזער פרייער מדינת ישראל כדי צוזאַמען באַערן און געדענקען אונדזערע טייערע קדושים.

בעתן מבול, נישט נאָר וואָס די מדינת ישראל איז נאָך נישט געווען אַ ווירקלעכקייט נאָר אויך אויף אונדז, אין „פּאַלעסטינע א״י,״ האָט געלויערט דער זעלבער טראַגישער גורל פון טאָטאַלער פאַרניכטונג. איז אָבער געשען דער גרויסער נס — און מיר זיינען לעבן געבליבן.

און באַלד דערנאָך איז געשען דער צווייטער נס: אַ קנאַפּער מיליאָן. האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט קעגן 70 מיליאָן — ממש איין שעפעלע קעגן 70 וועלף — און מיר זיינען זיי בייגעקומען און די אַלט־נייע מדינת־ישראל האָט צוריק אויפגעלעבט.

דערווייל זיינען געשען, ווי באַוווּסט, נאָך אַ כך נסים און דער לעצטער — ביז איצט — נס: מיר זיינען געוואָרן אויס „נס״. מיר זיינען געוואָרן אַ ריזיקער פעלז אין מיטן ים (פון פיינט) וואָס די שטאַרקסטע כוואַליעס (פון פיינט) קאָנען אים נישט רירן. מער פון יעדן איינעם אין דער וועלט ווייסן עס אונדזערע פיינט גופא.

פון וואַנען האָבן מיר גענומען אָט דעם „נס״ישן כח?

לאָמיר דאָ ציטירן עטלעכע שורות פון ביאַליקס באַוווּסט ליד „אויב דו ווילסט וויסן״ (אם יש את נפשך לדעת):

אויב דו ווילסט וויסן דעם קוואַל
פון אים האָבן געשעפּט דיינע דערהרגעטע ברידער אין
ביטערע טעג אַזאַ מין שטאַרקייט, גייסטיקע קראַפט...
— — — — — — — — — — — — — — — —

אויב דו ווילסט וויסן דעם שויס, אין אים האָבן זיך געגאָסן
אַלע טרערן פון דיין פאָלק, זיין האַרץ זיין נשמה, זיין גאַל —
— — — — — — — — — — — — — — — —

זיפצן וואָס פון זייער שרעק האָבן זיך אויפגעשטעלט די האָר אויף בײם שטן.
קלאָג צעשמעטערט אַ פעלדז אָבער ניט דאָס האַרטנאַקיקייט פון פיינט

און ער פאַרענדיקט זיין ליד:

און ווער ווייסט אויב ניט זייערע טייכן טרערן
האָבן אונדז דורכגעפירט און געבראַכט אונדז ביז אַ הער
און מיט זייער געבעט האָבן זיי אונדז פון גאָט אויסגעבאַרגט
און מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן דאָס לעבן —
דאָס לעבן אויף אייביק!

חיים נחמן ביאַליק (אַ וואָלינער!) איז ביז היינט צו טאָג דער גרעסטער נאַציאָנאַלער דיכטער אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור. ווען, למשל, ס׳וואָלט זיך צוריקגעקערט צו אונדז אַ תקופה פון נביאים, וואָלט ער, אָן שום ספק, אין זכות פון אָט דאָס ליד און אַ סך אַנדערע לידער זיינע, געקרוינט געוואָרן אַלס נביא.

ווייל ביאַליק אין זיין ליד „אויב דו ווילסט ווייסן", ווי אין אַ סך אַנדערע לידער זיינע, ענטפערט אויף אונדזער אויבנדערמאַנטער פראַגע; ווייל ביאַליק זעלבסט שטעלט די זעלבע פראַגן מיט מער שטאַרקייט און מיט אויסער־געוויינלעכער קראַפט און עמאָציע. נאָכמער, ביאַליק צווייפלט ניט אויך ענטפערן אויף זיי, הגם גרויסע דיכטער און שרייבער דערוועקן געוויינלעך ברענענדיקע פראַגן, ניט געבנדיק קיין תשובות. ביאַליק ענטפערט — ווייל גרויסע היסטאָרישע גערעכטיקייט אין לעבן פון פאָלק איז הויכער און גרעסער פון אַלע קליינע אמתן און כלומרשט לאָגישע גערעכטיקייטן; ווייל נביאים בכלל פרעגן ניט צו „מ'מעג" געבן אַ תשובה. נביאים זעען זאַכן קלאָר און פאָראויס. זיי זיינען דער מקור. דער קוואַל אַליין.

איז טאַקע כדאי, צו לערנען פון ביאַליקן, בפרט אַז ער האָט געזען אין אונדזער תקופה אַריין. אין זיין ליד „אויב דו ווילסט ווייסן" דערציילט ער אונדז, אַז איינגעדאַרטע־איינגע־קוואָרטשע גלות־יידן, וואָס טראָגן אין שווערן יאָך פון גלות און רעדן זיך אויס זייער ביטער האַרץ אין קאַפּיטלעך תהילים א. אַז. וו. — זיי בילדן מיט זיך דעם אוצר פון אונדזער נשמה (אַ פרעמדער קאָן עס ניט פאַרשטיין! — רופט ער אויס) און נאָך זאָגט ער אונדז, אַז דער „פונק פון האָפנונג אין דיין פאַרחושכ'ט האַרץ איז אַ געראַטעוועטער פונק, דורך אַ נס, פון גרויסן פייער, וואָס דיינע עלטערן האָבן שטענדיק באַלויכטן אויף זייער מזבח". דעם סוף פון ליד האָבן מיר שוין ציטירט.

ער זאָגט אונדז, אַלזאָ, בפירוש, אַז מיר שעפּן אונדזער גרויסן גייסטיקן כוח פון אונדזערע בלוטיק־שרעקלעכע ליידן אין גלות; אַז די גלות־יידן, אונדזערע עלטערן — וואָס מיט אַנ־אויסגעצויגענעם „אחד" זיינען געשטאָרבן זייער מאַרטירער־טויט „אונטער יעדער מעסער און האַק" — האָבן „שטאַרבנדיק אונדז באַפוילן דאָס לעבן, ביז אייביק". ס'הייסט: זיי האָבן אונדז אַריינגעגעבן דעם כוח דערצו. דעם גרויסן גייסטיקן כוח אויסצוקעמפן אַזאַ אַרט לעבן.

פירושים זיינען איבעריק. ביאַליק האָט „זוכה" געווען ניט ביילעבן, די שרעקלעכע נאַציִשע שחיטה, וואָס אַזוינס איז נאָך ניט געווען אין אונדזער געשיכטע. אָבער אויך די אַלע אַנדערע שחיטות אויף אונדז ביז ביאַליקן זיינען גענוג געווען כדי ער זאָל „ציען קאָנסעקווענצן" און נביאות זאָגן וועגן אונדזער גייסטיקן כוח אַלס פועל־יוצא פון בלוטיקע רדיפות אויף יידן. אַ כוח צו עקזיסטירן און לעבן ביז אייביק. קיין גרעסער כוח אויף דער וועלט איז, דאַכט זיך, ניטאָ.

✡

אין אונדזערע מאָדערנע צייטן גלויבן מיר אין „נסים" אויף וויפל זיי האָבן אַ וויסנשאַפט־לעכן אונטערגרונד. אויף וויפל ס'איז צו זען און פאַרשטיין דעם אופן פון זייער אַנטוויקלען זיך. דאָס איז די מעלה פון אונדזער דור, וואָס איז וויסנשאַפטלעך פאַרגעשריטן מער פון פרי־ערדיקע דורות. דער נביא אלישע האָט באַוויזן אַ גרויסן נס און „לעבעדיק געמאַכט" אַ ייִנגל (באַקאַנט אין דער קריסטלעכער וועלט, מער ווי ביי אונדז אַלס נביא און נסים־מאַכער); הייַנט ווייסן מיר, אַז דאָס איז געווען אַ קינסטלעך אויפאָטעמען.

אַ געניוס, אָדער אַנדערע גרויסע טאַלאַנטן — מיינט די מאָדערנע וויסנשאַפט — ווערן ניט געבוירן סתם אַזוי, דורך אַ נס. דאָס איז אַ דור־רות־לאַנגער פּראָצעס פון גייסטיקע ירושה־אייגנשאַפטן. זיי „טליען" אַזוי לאַנג „ערגעץ־ווו" אין דער משפּחה, וואָס טראָגט אין זיך די זוימען פון געניאַליטעט און גיט זיי איבער פון דור צו דור — ביז זיי „קאָנצענטרירן" זיך מיט אַ מאָל אין אַ מוח פון אַ קינד, וואָס ווערט אין דער משפחה געבוירן.

די גייסטיקע ירושה־אייגנשאַפטן פון אויס־דויער און קעגנשטעלן זיך מיט שכל און כוח קעגן פיינט, וואָס זיינען אַ סך מער פון אונדז — און זיי אויך באַזיגן — קומען צו אונדז אין רעזולטאַט פון אַ לאַנג־דורותדיקן פּראָצעס אין אונדזער פאָלק, אפשר פון די צייטן פון די מכבייער און נאָך פריער. דאָס שרעקלעכע פאַר־טיליקן פון 6 מיליאָן פון אונדזער פאָלק דורך די נאַציס האָט אין אונדז מיט אַ מאָל דערוועקט אָט דעם כוח פון קעגנשטעלן זיך, כדי צו לעבן בלייבן „ביז אייביק".

נאָר אַזוי איז צו פאַרשטיין די נסים וואָס זיינען אונדז געשען אין אונדזער דור און אַזוי אויך האָט זיי פאַרשטאַנען און פאַראויסגעזען אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער חיים נחמן ביאַליק.

די פעלזן־פעסטע איצט מדינת ישראל איז אַ געבאָט, וואָס ס'האָבן אונדז דירעקט באַפוילן, מיטן עצם מוראדיקן טויט זייערן, אונדזערע על־טערן, שוועסטער און ברידער, אונדזערע קדושים.

☆

איינע פון די נאַצישע מיטלען הרגענען יידן איז געווען דאָס אָפּנאַרן זיי. אויף די גאַז־קרעמאַטאָריעס, ווו מ'האָט זיי געטויטעט מאַסנ־ווייז, איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „באַד־ און וואַש־צימערן". כדי אָפּצו־שוואַכן ביז מינימום זייער קעגנשטעלן זיך. דאָס אָפּנאַרן אונדז כדי דערנאָך אונדז צו פאַרטי־ליקן איז, דרך אגב, אַן אַלט מיטל נאָך פון פרעה'ס צייטן, וואָס האָט געזאָגט צו זיין פאָלק דעם באַקאַנטן פסוק „הבה נתחכמה לו".

„הבה נתחכמה לו" זאָגן אויך היינט אונדזערע אַראַבישע שונאים. נאַצער דער „גרויסער", חוסיין דער קליינער און אַלע אַנדערע „ריזן". ניט האָבנדיק גענוג כוח קעגן ישראל ווילן זיי אונדז איבערכיטרעווען. „אויב צה"ל וועט צו־ריקגיין אין די אַלטע גרענעצן אַריין", זאָגן זיי כלומרשט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן, „וועלן מיר שלום מאַכן", קלערנדיק ביי זיך, אַז דאַ־מאָלס וועט זיי לייכטער זיין רעאַליזירן זייער אַלטן חלום אונדז אָפּווישן פון דער ערד.

זיי קאָנען אפשר אָפּנאַרן אַ סך מענטשן און פעלקער אויף דער וועלט, אונדז וועלן זיי ניט אָפּנאַרן. מיר וועלן זיך ניט לאָזן מער אָפּנאַרן ניט פון אונדזערע שונאים און אויך ניט פון אונדזערע גוטע פריינד. די וועלט האָט אונדז שוין גענוג טויט־אָפּגענאַרט.

דאָס איז די סיבה וואָס מיר שטעלן אונ־דזערע פאָדערונגען. מיר זיינען ניט קיין „עקשנים", ווי אַ סך, בפרט פיינט, ווילן האָבן. אונדזער עקשנות איז ניט זיך לאָזן פירן מער אין „באַד אַריין", ניט זיך לאָזן פירן אין קרע־מאַטאָריעס. און געוויס ניט דאָ, אין אונדזער אייגן לאַנד.

אויב ס'דאָ אַ לאַנד אויף דער וועלט, ווו יידיש לעבן איז געזיכערט, איז'ס מדינת ישראל. ווייל דאָ טוט אונדז קיינער ניט קיין טובות. דאָ נויטיקן מיר זיך ניט אין חסדים פון פרעמדע. דאָ זיינען מיר באַלעבאַטים אויף אונדזער עק־זיסטענץ. אויף אונדזערע גייסטיקע און קול־טורעלע אוצרות. אויפן לעבן פון אונדז און פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער. ביז אייביק.

נעכטן האָט די וועלט, מיט אונדזערע שונאים אין דער שפּיץ, געמיינט, אַז אָט־אָט און מיר געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. די „וועלט" האָט אויף אונדז כלומרשט רחמנות געהאַט.

היינט, אין נאָמען פון די זעלבע „רחמנות געפילן" רעדט מען אונדז צו צו „צוריקמאַרש". „אויסכאַפּן" דעם אונדז כלומרשט פאַרגעלייגטן שלום. אָבער שלום ווערט ניט אָפּגעמאַכט דורך אַ פרמעדן צד. פון אונטן אַרום. אַן זיך געבן די הענט. „שלום" — מיט אַן אַראַבישן מעסער אין דער זייט, ווי זייער שטייגער איז פון דורי־דורות, וועט אונדז ניט פאַרפירן. דער רוף און צוואה פון אונדזערע קדושים שטייען אונדז פאַר די אויגן, ווי הייליקע שומרים, און היטן אונדז אָפּ פון שלעכטס.

# קהילות

טאַניא טשעקוווער

## אין טייך, אין וואלד, אויפן אלטן מארק

אָ, טיעטיערעוו־טייך! כ׳זע נאָך דיך שטראָמען
ביי גרין־אַלטע ברעגן, ווו געווען ווען אַ שטעטל,
טשודנעוו מיין היים. אַ קליין יידיש שטעטל
אין קייטן פון פחד. אַ שרעק — יעדעס
רינגל...
ביז איר אַש האָסט פאַרשלונגען
ווי אַ ציטער אין זיך.
אָ, טיעטיערעוו־טייך! ווען ס׳זאָל קענען דיין
מורמל
איר געשריי אויסצושרייען,
וואָלט איך שטיל געשוויגן
ווי דיינער אַ שטיין.

ווען דו וואָלסט געקענט, זקן דעמבענער וואַלד
אויף אייביק פאַר׳עכאָ׳ן דעם גוסס׳ן גוואַלד
פון אונטערן זאַמד, אויפן גרוב
וואָס גערירט זיך — — —
ווען געקענט וואָלסט אויף אייביק
אין זיך איינצוהאַלטן
ס׳געשריי פון פאַרגאָסענעם בלוט מיינע ברידערס
וואָס האָט הימל געשפּאָלטן
און גאָט דאָרט געשטומט האָט.
געשטומט וואָלט אויך איך
ווי דער דעמבענער בוים.

און דו, אַלטער מאַרק, צווישן הייזער אינמיטן,
ווו מיין חבר׳טע געניע, אויף שטיקלעך צעשניטן,
האָט פאַרפּוצט דיינע שטיינדלעך
מיט היטעלעך רויטע....
שטיינערנע בלומען, ווי הערצער אַנטבלויזטע,
וואָס וואַקסן אויף חורבות.
און — שאַ, אַלץ פאַרגליווערט.
ווען זיי וואָלטן שרייען,
ווען איין שטיין כאָטש פון זיי
וואָלט געליאַרעמט אָן אויפהער — —

☆

דו טײַך און דו וואַלד און דו אַלטיטשקער מאַרק.
אפשר שפינט איר און וועבט נאָך אויך איצט
אַ לעגענדע
וואָס דערציילט וועגן קלײנינקן יידישן שטעטל
אַ מאָל וואָס געברויזט האָט
מיט גייסט און מיט לעבן.
געפילדערט, געטומלט...

אַ שטעטל רבנים, נגידים, דלפנים —
אָט, פשוטע יידן. און יוגנט!
אויף טיעטיערעוו־ברעגן געזען גאָר דעם ירדן.
יוגנט גע׳חלומ׳ט צו גיין און צו קעמפן
אַז וועלט זאָל זיין בעסער, און ריינער,
און שענער.
אַ וועלט וואָס זיין גליק זאָל דאָרט
יעדערער האָבן.
אַ וועלט וואָס׳ט געשוויגן
ווען מ׳האָט זיי לעבעדיק באַגראָבן — —

אָ טיעטיערעוו־טייך! האָסט געזען אזוי פיל.
וואָלט כאָטש דיין געמורמל אַ שרעק
אויסגעשריגן
ביז אַלץ וואָלט פאַרציטערט.
וואָלט דעמבענער וואַלד לעצטן קרעכץ
פון דערשטיקטע
אויף אייביק פאַר׳עכאָ׳ט
ביז וועלט אויפצוטרייסלען,
אירע אוירן טויבע —
וואָלט ווער כאָטש איין שטיינדל
וואָס געניע פאַרשפריצט האָט
גלייך אין וועלט׳ס פנים געשליידערט, געוואָרפן,
איר רו צו צושטערן —

וואָלט איך שטיל געשוויגן
ווי דיינער אַ שטיין.
געשטומט ווי דער דעמב
פון די רויכן פאַרסמאַליעט — — —

אליהו מאַנדעל

# ווענט האָבן געשריען

די שטאָט קאָוועל האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט הויכע בנינים אָדער לוקסוס־געביידעס. די הייזער זיינען געווען הילצערנע און נידעריקע.

אויך די שולן און די בתי־מדרשים זיינען געווען געבויט פון האָלץ. שריפות זיינען דעריבער נישט געווען פון די זעלטנהייטן אין קאָוועל. גאַנצע שטאָט־קוואַרטאַלן פלעגן ווערן פון מאָל־צו־מאָל אָפּגעברענט איבער נאַכט.



די גרויסע קאָוולער שול

פלעגן אויפגיין אין פלאַמען און רויך. ביני לביני זיינען אַלע אַלטע געביידעס אין שטאָט און די היסטאָרישע שולן אָפּגעברענט געוואָרן און ס'פון זיי נישט געבליבן קיין זכר.

אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט קאָוועל זוכה געווען צו אַ פּרעכטיקער גרויסע שול, געבויט פון ציגל און באַשיינט די יידישע גאַס. מייסטערס און קינסטלער האָבן צוגעגעבן דער שול אַ שיינעם אויסערלעכן און אינערלעכן אויסזען. די פאַרשיידענע טאַקערייען און שניצערייען אין ארון־קודש און אַרום אים, די בימה אין דער מיטן, די הויכע פענצטער און דער קיילעכיקער סופיט האָבן צוגעגעבן אַ מין באַזונדערן מיסטישן גייסט. מענטשן וואָס זיינען געווען גענייגט צו מיסטיציזם האָבן דאָרט געקאָנט זען רוען די שכינה אַליין. און ווירקלעך, די גרויסע קאָוולער שול איז געווען איינער פון די שענסטע און מאַסיווע בנינים אין קאָוועל און אין דער גאַנצער אומגעגנט.

איז אָבער ווי נגזר געוואָרן — אַ בלוטיקער שפּאַס פון גורל — און די שול האָט געדינט אַלס לעצטער מקום־מיקלט פאַר די גערודפטע קאָוולער יידן און אזוי ארום אויך דער לעצטער עדות וועגן סוף פון אַט דער שיינער ייד. קהילה; געוואָלט האָט דער גורל — און די ווענט אין דער שול זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע עדות וועגן די לעצטע לעבנס־שעהן פון דער קהילה און וועגן טראַגישן, ביטערן סוף פון אירע זין און טעכטער.

נאָך דער גרינטלעכער אויסראָטונגס־אַרבעט און פאַרשיידענע אַקציעס אין פאַראויס באַשטימטע דאַטומס און ערטער דורך די נאַציס און זייערע באַהעלפערס די אוקריינער און פאָליאַקן, איז די גרויסע שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טורמע און קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר יידן, וואָס מען האָט זיי געפונען זיך באַהאַלטן אין די אַרומיקע דערפער ביי אוקריינישע פויערן, אָדער אין בונקערס און אין אַנדערע באַהעלטענישן. פון דער שול פלעגט מען זיי אַרויספירן אויפן נייעם בית־הקבורות און זיי דערשיסן און באַגראָבן האַלב־לעבעדיק. די יידן וואָס זיינען

פאַרשפּאַרט געוואָרן אין שול, האָבן געוווסט אַז דאָס איז זייער סוף...

דערויף זאָגן עדות די ווייסע הויכע ווענט, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די קרעכצן און ביטער געוויין פון די אומגליקלעכע יידן, אַלט און יינג, קינד־און־קייט, וואָס האָבן אויסגעקריצט, אַ טייל פון זיי מיט זייערע נעגל און בלוט, אויף די ווענט, זייער לעצטן ווענדונג־געשריי צו ברידער, קרובים און און פריינט און די אַלע לעבן־געבליבענע יידן אין דער גאַנצער וועלט, נקמה נעמען פאַר זייער אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט.

ראַטעוועטע פון גיהנום, האָבן זיי אונדז געבראַכט דאָס ביטערע געשריי פון פאַרניכטעטן קאָוולער יידנטום, לויט ווי ס'האָבן עס אויסגעשריגן די הויכע, ווייסע ווענט פון דער גרויסער שול.

די ווענט וועלן אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ שרעקלעכער קין־צייכן פון די נאַצישע פיינט און אונדזערע פיינט אויף דער גאַנצער וועלט. אַ קין־צייכן אויך פאַר די, וואָס וואָלטן אפשר געקאָנט, ווען זיי וואָלטן געוואָלט, שרייען גוואַלד — און ראַטעווען. אָבער זיי האָבן אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און געשוויגן.



און אזוי האָבן דערציילט די ווענט וועגן גאַנצע פאַמיליעס, וועגן יינגלעך און מיידלעך וואָס האָבן געליבט און געגאַרט צו לעבן — און זייער לעבנס־פאָדעם איז פּלוצים אַזוי ברוטאַליש־אַכזוריותדיק איבערגעריסן געוואָרן. מענטשן וואָס זיינען באַלד נאָך דעם קריג אַדורכגעפאָרן קאָוועל און באַזוכט אין דער שול, וואָס איז שטיין געבליבן פאַריתומט פון אַלע געביידעס אַרום, זיינען דערציטערט געוואָרן, זעענדיק און לייענענדיק די טויזנטער אויפשריפטן אויף די ווענט אין פאַרשיידענע שפּראַכן איידער זיי זיינען אָפּגעריבן און פאַרשמירט געוואָרן, אַז קיין שפּור איז פון זיי נישט געבליבן, האָבנדיק אַ ספּעציעלע כוונה דערביי...

אַ סך האָבן געפונען אויפשריפטן פון נאָענטע און אייגענע. נאָר ווייניק פון זיי זיינען אָפּקאָפּירט און פאָטאָגראַפירט געוואָרן — און אַזוי אַרום פאַראייביקט געוואָרן, און ווען ס'זיינען אָנגעקומען צו אונדז, נאָך אַ סך וואַגלענישן און מאַטערניש און שוועריקייטן די געשטומט ווי די ווענט. זיינען געקומען ווענט ממש און געלאָזן הערן דעם לעצטן זיפץ פון אונדזערע געפייניקטע קדושים.

מיר ברענגען דאָ, אַלס ביישפּיל בלויז, עטלעכע אויפשריפטן ווי זיי זיינען איבערגעשריבן און פאָטאָגראַפירט געוואָרן:

ערד, פאַרדעק ניִשט אונדזער בלוט! הימלען, זייט זיך נוקם פאַר אונדז! מיר גייען צו אַנ'אַכזריותדיקן טויט צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָוולער עדה דורך די בעסטיאַלישע רוצחים. (העברעיש).

דאָנערשטיק, 14 טאָג אין חודש אלול, בלומה, יעקב, דוד און יהודה.

ריין, אומשולדיק בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן אין אַ שעה אַרום. דאָס בלוט פון יוגנטלעכע פון אונדזער פאָלק. ריין בלוט ווי די וואַסער פון כנרת. מיר פאָדערן אַן אַכזריותדיקע נקמה. (העברעיש).

יהודה שעכטער

שמואל ראָזענהעק

# די העברעיִשע דערציִונג אין וואָלין

וואָלינער יידנטום האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט חריפות און אינטעלעקטועלע געניאַליטעט, ווי דאָס ליטווישע יידנטום; איז נישט געווען ייחוס׳דיק און רחבות׳דיק, ווי דאָס פּוילישע יידנטום. דערפאַר אָבער איז דאָס געבענטשט געווען מיט אָרנטלעכקייט און פאָלקסטימלעכער איינגעוואָרצלטער פּשטות... דאָס איז געווען אַ האַרציק יידנטום מיט פיל ליבשאַפט און געטריישאַפט.

יצחק למדן
(געבוירן אין מלינאָוו)

וואָלינער געגנט איז צעטיילט געוואָרן נאָכן ערשטן וועלטקריג, צווישן רוסלאַנד און פוילן, און אַלע העברעיִשע קולטור־טעטיקייטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין גרויסן רוסלאַנד, בפרט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן בלויז אין דעם מערב׳דיקן טייל, וואָס האָט אָנגעהערט צו פוילן. געוויס, די גייסטיקע טראַדיציע פון די באַוווּסטע שטעט, ווי אסטראה, בערדיטשעוו און אַנדערע, האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה, נישט נאָר אויף וואָלין אַליין, אָבער דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף דער העברעיִשער דערציִונג, וואָס איז געווען אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער וועלט, נישט בלויז צוליב דער דערציִונגס־שפּראַך, נאָר אויך צוליב ציוניסטישער שטרעמונג און שטרעבן צום זיך בויענדיקן ארץ־ישראל. פון דאַנען שטאַמען די פאַרבינדונגען פון דער „תרבות" שולע מיט דער יוגנט־באַוועגונג און „החלוץ", וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן אירע פאַרבינדעטע. די העברעיִשע באַוועגונג איז נישט געווען אַ רעגיאָנעלע. און אויב דער „חדר מתוקן" פון ח״פ ברעגמאַן אין בערדיטשעוו איז געווען אַן אָנהויב פון אַ העברעיִשער שולע, איז די „תרבות" גרינדונגס־קאָנפערענץ אין 1917 אין מאָסקווע — געווען אַ ברייטער המשך. היינט מעג מען שוין דערציילן, אַז נישט אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן העברעיִש אין גלות, און צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון קורסן צו לערנען די שפּראַך — זיינען געווען גענויגט צו אַ פול־העברעיִשער שולע, און ווען נישט דער גרויסער אויפשוווּנג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, טעאַטער און די ציוניסטישע אויפלעבונגס־באַוועגונג, וואָלט מען בכלל נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם נס. ס׳איז קיין צווייפל נישט, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע קולטור־טעטיקייט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן נישט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט — און האָט געדויערט בלויז צוואַנציק יאָר.

די העברעיִשע דערציִונג, וואָס האָט געשטרעבט אויסבילדן דעם פרט און דעם כלל אין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי אויך אין ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט פון דעם גן־ילדים דורך די פאָלקס־ און מיטל־שולעס, ביז צו לערער־סעמינאַרן — האָט געשטאַמט פון ציוניזם, פון דעם יידישן ישוב, וואָס איז געגאַנגען, פון דער

---

געדענקט די יונגע נשמות!

שרולה י. קגן פ. גובנט י.

כ׳בין צוואנציק יאָר אַלט, אוי, ווי שיין
איז די וועלט אַרום... פאַרוואָס טרייבט
מען מיך אין קבר ווען מיין גאַנץ וועזן
שרייט צום לעבן? זיינען דאָס ווירקלעך
מיינע לעצטע מינוטן? נקמה! נקמה זאָל
נעמען יעדער איינער וואָס וועט לייענען
מיין לעצטן ווונטש. (העברעיש).

(אָן אונטערשריפט)

אזוי פיל שוידערלעכע סצענעס, אַזוי
פיל גרויזאַמע בילדער. אַזוי פיל פּיין און
קיין וואַרט פּראָטעסט.
נאָר טרערן.
קיין האַנט הויבט זיך נישט, נאָר מען
רופט צו גאָט! (יידיש).

לייבל סאָסנע, 22.8.1942.

איך גיי צו דער אייביקער שטילדקייט!
סאָניע מעלכיצער (פויליש).

מיט פייער און בלוט איז יהודה געפאַלן,
מיט פייער און בלוט וועט יהודה
אויפשטיין,

דאָס אייביקייט פון ישראל וועט נישט
ליגן זאָגן. (העברעיש).

מרים רויזן, 19.9.1942.

העברעיִשער ליטעראַטור גלייך אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט און קודם־כל — פון דעם נצחון, וואָס ס׳האָבן אָפּגעהאַלטן די לערער און תּלמידים פון „עזרה״ (הילפספאַריין) אין א״י, אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג.

אין 1917 איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָסקווע די „תרבות״־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט און האָט געגרינדעט נייע. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז די העברעיִשע שפּראַך פאַרבאָטן געוואָרן און דאָס פאַרמעגן פון „תרבות״ — קאָנפיסקירט. די מערהייט פון די לערער און טוער, זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. אַ טייל פון זיי, האָט זיך באַזעצט אין די נייע מדינות, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָכן צעטיילן פון גרויסן רוסלאַנד און צעגעלייגט אַ האַנט צום גרינדן שולן. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם שוואונג פון דער גרינדונגס־קאָנפערענץ. ס׳האָט זיך געפילט אַ באַדערפעניש צו פאַרייניקן אַלע אינסטיטוציעס און די קולטור־טעטיקייט אין וואָלין. טראָץ דער ספּאָנטאַנישער גרינדונג פון שולן אין וואָלינער געגנט, נאָך אין די צייטן פון דער „ראדא״ און די יידישע אויטאָנאָמיע (אַלס ערשטע דאַרף מען דערמאָנען אַלעקסאַנדריע, בערעסטעטשקאָ, זדאָלבונאָוו א.א.), האָט געפעלט אַ קלאָרער פּלאַן, אָבער דער ווילן צו איינפירן עברית אַלס דערציִונגס־ און לעבנס־שפּראַך — האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ציר־ניסטישע וועלט־אַנשויאונג. און דאָס אַלץ אָן טראַדיציע, אָן דערפאַרענע לערער מיט אַלגעמיינער און יידישער בילדונג, אָן ביכער און אָן מינימאַלער טערמינאָלאָגיע.

## 2

מיטן גרינדן די „תרבות״ מיטלשולן זיינען צוגעקומען גוטע פּעדאַגאָגישע כוחות, וואָס האָבן באַקומען זייער בילדונג אין מערב־אייראָפּע — על פּי רוב אין עסטרייך — און ס׳האָט זיך געמערקט זייער השפּעה אויף די פאָלקס־שולן (צום גוטן און צום שלעכטן). די נייגונגען און שטרעבונגען פון מזרח און מערב האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער צייט און האָבן באַקומען דעם געווונטשענעם געשטאַלט, מיט דער הילף פון דער „תרבות״־צענטראַלע אין וואַרשע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין 1922 אויף דער קאָנפערענץ פון אַלע ראַיאָנען. די ערשטע העברעיִשע גימנאַזיע פון „תרבות״ אין ראָוונע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1920, נאָך איידער וואָלין האָט זיך פאַראייניקט מיט פּוילן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ קרייז־קאָמיטעט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע טעטיקע כוחות און פאַרברייטערט דעם שול־נעץ מיט דער הילף פון צ.צ.ק. (אַמעריקע) ביז 80. אָבער ווען ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט די הילף פון אַמעריקע, האָבן פאַרגעזעצט בלויז די אינסטיטוציעס, וואָס די טוער, עלטערן און לערער האָבן געזאָרגט פאַר זייערע אויסגאַבן. זייער צאָל איז געווען קליין, אָבער די העברעיִשע גימנאַזיע פון ראָוונע, אין וועלכער ס׳האָבן פאַרגעזעצט זייער לערנען די תּלמידים פון דער סביבה, האָט פאַרשטאַרקט די העברעיִשע באַוועגונג און די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט פריער און שפּעטער. אין אַ צייט אַרום, האָבן זיך געגרינדעט צוויי אַנדערע גימנאַזיעס פון „תרבות״, אין קאָוועל און אין קרעמעניעץ, און אויך זיי האָבן אויפגעוועקט די שטעטלעך אַרום זיי. די שולן און קינדערגאָרטנס האָבן זיך נישט נאָר אַליין אויסגעהאַלטן, נאָר אויך געווען אַ באַדערפעניש פאַר פיל עלטערן.

## 3

די פּוילישע רעגירונג אין די קרעסן האָט באַשווערט און געשטערט — כלומרשט פון קאָנסטיטוציאָנעלע סיבות — די גרינדונג פון נייע העברעיִשע שולן. ס׳איז כמעט געווען אוממעגלעך צו באַפרידיקן די פאָדערונגען: אַ פאַסיקער היגיענישער בנין, לערער מיט אַלגעמיינער און פּעדאַגאָגישער בילדונג, ווי אויך פּוילישע בירגערשאַפט און פּאָליטישע כשרות. אין קיין שום שטאָט און שטעטל איז נישט געווען קיין איין בנין, וואָס מ׳האָט געקענט צופּאַסן אַלס שולע לויט די פאָדערונגען פון געזעץ אויסער די בנינים, וואָס די בילדונגס־מאַכט האָט באַקומען בירושה פון די רוסן, און וועלכע מ׳האָט אָנגעפילט מיט אינסטיטוציעס געבראַכט פון צענטער פּוילן אויף צו פּאָלאָניזירן די נישט־פּוילישע סביבה. דער מלוכה׳שער דאָקטאָר און אַרכיטעקט פלעגן נישט געבן זייער באַשטעטיקונג אַפילו ווען מ׳האָט געבראַכט פאַר זיי אַ גוטן פּלאַן. ס׳איז שווער זיך פאַרצושטעלן די שווערע אַר־

בעט און אַרומלויפעניש פון די עסקנים, טוער און אַדוואָקאַטן פון דעם קרייז־קאָמיטעט — אָבער זיי האָבן סוף־סוף אַלץ איינגעאָרדנט אַזוי, ווי זיי האָבן איינגעאָרדנט זייער פרנסה; געזעצן — כדי צו דערדריקן דאָס יידישע לעבן. אָבער דאָס לערנען האָט נישט אויפגעהערט און אַז דאָס העברעיִשע פאָלקס־שול האָט זיך פאַרפעסטיקט אין דעם באַוווסטזיין פון די יידן אין די שטעטלעך, איז מען צוגעשטאַנען אויפצובויען נייע בנינים מיט דער הילף פון די עלטערן, וואָס האָבן געצאָלט אַ הויכן שכר־לימוד, און מיט אַמעריקאַנער שטיצע, און מ׳האָט אויפגעבויט אַפילו שיינע בנינים. שווער איז אָבער געווען מיט לערער־דאָקומענטן און פאָליטישער כשרות, די מערהייט פון די לערער זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין די ציווילע ביכער פון די שטעטלעך אין ברייטן רוסלאַנד און האָבן נישט געקענט באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון זייער כשרות און דערפאַר זיינען געווען לערער, וואָס האָבן געאַרבעט אָן דערלויבעניש, כלומרשט געלערנט בלויז רעליגיע.

מיט דער צייט זיינען אָנגעקומען קוואַליפיצירטע לערער, וואָס האָבן געענדיקט די „תרבות" סעמינאַרן אָדער די פון טשאַרנאָ און ווילנע און גראָדנע. ס׳זיינען אויך אָנגעקומען אַ סך לערער פון גאַליציע און וואַרשע, אַביטוריענטן פון מלוכה׳שע סעמינאַרן, וואָס האָבן אויך געקענט העברעיִש. ס׳האָבן זיך געפונען די מיטלשול־לערער מיט פאָרמעלער בילדונג.

4

יאָר־איין, יאָר־אויס, האָט מען פאַרגעלייגט די עלטערן ברענגען זייערע קינדער אין די מלוכהשע שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רחבותדיקע בנינים אָן שום אָפּצאָל. אָבער די „תרבות"־שולן האָבן געמוזט זיך אויסהאַלטן אויפן אייגענעם חשבון און אויך די אָרעמע האָבן עס אויסגעהאַלטן און בייגעשטאַנען אַלע נסיונות. אין אויסנאָם־פאַלן האָבן זיך די קינדער געבונטעוועט קעגן די עלטערן. די עלטערן האָבן זיך באַטייליקט מיטן צאָלן שכר־לימוד, אָבער דאָס בויען פון בנינים פאַר די שולן איז געווען זייער שווער פאַר קליינהענדלער און בעל־מלאכות. מ׳האָט באַקומען אַ שטיצע פון דעם אַמעריקאַנישן צ. ק., און אַז די שטיצע האָט אויפגעהערט, איז זייער אַראָפּ דאָס געהאַלט פון די לערער און די מערהייט פון זיי האָט געלעבט אין דחקות ווייל זיי פלעגן נישט באַקומען זייער געהאַלט אין די פעריען־חדשים. די „תרבות"־צענטראַלע אין וואַרשע האָט זיך זייער באַמיט העלפן פעדאַגאָגיש דורך פאַסיקער אויפזיכט אין פאַרעפנטלעכן פעדאַגאָגישע העברעיִשע צייטשריפטן אָבער, פינאַנציעל האָט זיך די צענטראַלע אויסגעהאַלטן פון די שטייערן, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויף די שולן.

די רעגירונג האָט זיך נישט גערעכנט מיטן ווערסאַלער־אָפּמאַך און נישט געהאָלפן, און אויך די מוניציפאַלע אַנשטאַלטן פלעגן זיך באַטייליקן זייער ווייניק. דערפאַר איז געלונגען דער „תרבות"־צענטראַלע אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה צו באַקומען פון דעם אַמעריקאַנישן קאָמיטעט געוויסע סומעס פאַר בנינים און אייניקע שולן האָבן דערפון גענאָסן. אין לודמיר האָט זיך געעפנט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער חלוצישער דערציאונג. אַרום 90% פון די תלמידים פון די פאָלקס־שולן זיינען געווען פון נידעריקע סאָציאַלע שיכטן און זיי האָבן גענאָסן פון דערנערונג מיט דער הילף פון „טאָז" ווי אויך פון זומער־קאָלאָניעס פאַר לערער און שילער אין די טאַטרען און בעסקידן־בערג.

5

אין די פאָלגנדע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין האָבן עקזיסטירט „תרבות"־אַנשטאַלטן אין 1939: אָסטרע (אויך אַ גימנאַזיע) אָליקאַ, אַלעקסאַנדריע, ברעזנע, בערעסטעטשקאָ, דובנאָ, דעמבראָוויץ, דראַזשנע, האָראָכאָוו, האָשטש, וויניאָוויעץ, וויסאָצק, זדאָלבינאָוו, טוטשין, טראָכנבראָד, טריסק, לודוויפּאָל, לוצק, לודמיר (אויך אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול), לאַגאָוועץ, לוקאַטש, מעזירעטש, מאַראָוויץ, מיזאָטש, מלינאָוו, מאַניעוויטש, מאַציוג, סטעפּאַן, סאַרנע (אַנ׳אָנפאַנג פון אַ גימנאַזיע), פּאָטשאַיעוו, פּאַריצק, קאַמען־קאַשירסק, קאָוועל (אויך אַ גימנאַזיע), קאָסטאָפּאָל, קאָרעץ, קיווערץ, קרעמעניעץ (אויך אַ גימנאַזיע וואָס האָט זיך גע־

(סוף אויף זייט 21)

יעקב בן-אמתי

# דער „נס" פון ליסטע נומ' 18

## אַ קאַפּיטל וועגן נאַציאָנאַלן מינדערהייט־בלאָק אין פאַרמלחמהדיקן פוילן

1927. דאָס יאָר פון וואַלן צום פוילישן „סיים" (פּאַרלאַמענט). מיליאָנען פוילישע יידן, איינגעוואָרצלטע אין שטעט און שטעטלעך, זינט הונדערטער יאָרן, ראַנגלען זיך שווער פאַר זייער נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. אַ סך און שווערע זיינען געווען די פּראָבלעמען פון פוילן זעלבסט. און אירע רעזשימען האָבן זיך שטאַרק געשאָקלט. איין קריזיס נאָכן צווייטן. און שולדיק אין דעם זיינען, פאַרשטייט זיך, די יידן. די שינאה צו יידן איז געווען כמעט אַן אַלגעמיינע, סיי ביי פּאָליאַקן, סיי ביי אוקראַאינער. עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע קריזיסן האָבן נאָכמער צעפלאַקערט דאָס פייער. דער געראַנגל צווישן די פּאַרטייען איז געווען אַ שווערער און מאַרשאַל פילסודסקי, באַפרייער און פוילישער העלד, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט מיט כוח, האָט געפּרוּווט מאַכן אָרדענונג אין דער מדינה מיט כלומרשט דעמאָקראַטישע מיטלען און די וואַלן צום נייעם סיים האָבן באַדאַרפט איבערצייגן דער וועלט, אַז אין פוילן הערשט נישט קיין דיקטאַטאָרישער רעזשים.

איינער פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס איז געווען פאַרבינדן מיט די וואַלן, איז געווען: ווי אַזוי אַדורכפירן, אמווייניקסטן איין פוילישן מאַנדאַט אין וואָלינער קרייז, וואָס גרענעצט זיך מיט דער סאָוויעטישער אוקראַאינע. די געגנט איז געווען באַזעצט פון אוקראַאינער, יידן און דייטשן. לויט דער קאָנסטיטוציע, האָבן געהערט צום קרייז 6 דעפּוטאַטן אין סיים און אַזוי אויך אין סענאַט. אָבער דאָס זעלבסטשטענדיקע פוילן האָט דאָרט קיינמאָל נישט זוכה געווען אַפילו צו איין מאַנדאַט. אַלע 6 מאַנדאַטן האָבן שטענדיק געהערט צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין זעלבסטשטענדיקן פוילן, טראָץ די שטרענגע מיטלען מצד דער רעגירונג, כדי צו פּאָלאָניזירן דעם שטח. זי וואָלט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם משונהדיקן צושטאַנד, ווען נישט דאָס רוסישע ראַטנלאַנד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט דעם קאַלטן נערוון־קריג, וואָס שייך וואָלין און ווייסרוסלאַנד, אין וועלכע זיי האָבן געזען רוסישע טעריטאָריעס, וואָס פוילן האָט פאַרכאַפּט אומלעגאַל אין דער צייט פון תהו־ובהו, וואָס נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און וועלכע געהערן נישט בשום אופן צו איר.

### בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן

אין יענער צייט בין איך אָנגעקומען קיין פוילן. מיין אויפגאַבע איז געווען, זייענדיק אַדוואָקאַט,

# די העברעישע דערציונג אין וואָלין

(סוף פון זייט 20)

שלאָסן), קלעוואַן, ראַדזשיוויל, ראַפּאַלאָווקע, ראָזשישטש, ראָטנע, ראָקיטנע, ראָוונע (אויך אַ גימנאַזיע), שומסק, אויך אין אַנדערע קליינע שטעטלעך האָט מען געלייגט יסודות אָבער נישט פאַרענדיקט.

6

די אַלע אינסטיטוציעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אָן אַ שום שריד ופליט, מיט דער מערהייט פון די עלטערן, לערער און עסקנים. אָבער היינט קען מען פעסטשטעלן (לויט אַ צייטווייליקער סטאַטיסטיק) אַז העכער 60% פון די אַביטוריענטן פון די „תרבות"־שולן זיינען עולה געווען קיין ארץ־ישראל פאַר דעם חורבן. אַ סך פון זיי זיינען דערגאַנגען צו וויכטיקע שטעלונגען אין ישוב און אין דער מדינה.

אין אַ טייל פון די שולן, האָב איך זיך באַטייליקט אין זייער גרינדן און האָב נאָכגעפאָלגט פון דער נאָענט זייער וווקס און אַנטוויקלונג. ביי מיין אַנטלויפן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין אייניקע פון זיי, זיי אויפצומונטערן און זיך געזעגענען און איך האָב זיך נשיט פאָרגעשטעלט אַז דאָס געזעגן איך זיך מיט זיי אויף אייביק.

אויך אַ זשורנאַליסטישע, מיין פריערדיקע פאַך, וואָס כ'האָב זייער געליבט. כ'בין געשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראלדיקע און ענגלישע צייטונגען „דעקן" די וואַלן. זייענדיק אַ וואָלינער האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס אינעם דאָרטיקן מצב. ווען כ'האָב זיך באַגעגנט אין וואַרשע מיט די „קאָלאָ"־חברים (יידישער בלאָק אין פאַרלאַמענט), האָט מען מיר דערציילט, אַז דער בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן באַשטייט פון אוקראַינער, יידן און דייטשן, וואָס וועלן גיין צו די וואַלן אין איין פאַראייניקטער ליסטע נומער 18, כדי אָפּצוהיטן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס האָט זייער פאַרדראָסן פילסודסקיס „קאָלאָנעלן־רעגירונג" און זיי האָבן דערקלערט טאָטאַלע קריג אויף דעם בלאָק. זייער מורא איז געווען באַגרינדעט, ווייל פון 31 מיליאָן בירגער אין פוילן זיינען 13 מיליאָן געווען מינדערהייטן.

באַזונדער שווער איז געווען די לאַגע אויף די קרעסן, וואָס זיינען געווען באַזעצט פון די מינדערהייטן. אין די יידישע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן האָט מען מיר פאַרגעלייגט פאָרן קיין לוצק, וואָלינער הויפּטשטאָט, און העלפן דאָרט דעם בלאָק אין זיין געראַנגל. אַ לוצקער געבוירענער, האָב איך געקענט פערזענלעך אַ סך וואָלינער און אויך עטלעכע פון די חשובע אוקראַינישע פירער דאָרט. אין שפּיץ פון ליסטע נומער 188 איז דאַמאָלס געשטאַנען אַן אוקראַינער פעלדשער פון שטעטל קליעוואַן, נעבן ראָוונע. נאָך אים איז געווען ד"ר ווילהעלם ראָטפּעלד, געוועזענער אַדוואָקאַט פון לעמבערג און אַלג. פּראָקוראָר פון לוצקער קרייז־געריכט. אין שפּיץ פון דער ליסטע צום סענאַט איז געשטאַנען ד"ר בראַמבערג, ציינ־אַרצט פון לוצק. סיי ד"ר ראָטפּעלד, סיי ד"ר בראַמבערג זיינען געווען ציוניסטן. די אַסימילאַטאָרן, פאַרשטייער פון יידישע סוחרים און „בונד" זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעגירונגס־ליסטע נומער 1. די פוילישע רעגירונג האָט שוין געזאָרגט, אַז קיין שום פוילישע ליסטע, אויסער נומער 1, זאָל זיך נישט באַטייליקן אין די וואַלן. גלייכצייטיק האָט זי נישט געשטערט דער פאַרבאָטענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן אונטער אַ מאַסקירטער אוקראַינישער ליסטע „סילראָוו" (פּויערים און אַרבעטער), וואָס האָט געצויגן אַ סך אוקראַינישע שטימען, נישט באַקומענדיק קיין מאַנדאַט.

קעגן בלאָק, האָט די רעגירונג אויסגעקלערט פאַרשידענע תירוצים כדי אים שטערן זיך אָרגאַניזירן און פירן אַ וואַל־קאַמפּיין אַזוי למשל, האָבן זיי פאַרבאָטן אויפן בלאָק אָפּריכטן וואַלן־פאַרזאַמלונגען אין טעאַטער־ און קינאָ־זאַלן, טענה'נדיק, אַז די געביידעס זיינען שוואַך־געבויט און מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין זיי וועלן גורם זיין קאַטאַסטראָפעס. ווען מ'האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן פרייען הימל, פלעגן רייטער־זשאַנדאַרמען צעטרייבן די פאַרזאַמלטע מיטן תירוץ, אַז זיי שטערן די רו פון דער באַפעלקערונג און שטערן בלאַט „וואָליך", וואָס כ'האָב געגרינדעט און רעדאַקטירט זייענדיק אין לוצק, פלעגט מען אַלעמאָל קאָנפיסקירן מיט פוסטע טענות. כ'האָב באַדאַרפט יעדע וואָך ענדערן זיין נאָמען. די דרוקערייען איז פאַרבאָטן געוואָרן דרוקן פאַר אונדז אַגיטאַציע־מאַטעריאַל און אַפילו די וואַל־צעטלען 18. מיר האָבן געהאַט בלויז אַ זעצעריי, אָבער נישט קיין דרוק־מאַשין. די לאַגע איז געווען אַנ'ערנסטע.

און דאַמאָלט איז געקומען דער לעצטער קלאַפּ: ס'אַרעסטירט געוואָרן דער וואַל־קאָמיטעט פון בלאָק, אין וועלכן ס'זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע דריי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די באַשולדיקונג איז געווען אַזוי שווער, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג האָט אין איר געזען אַ קאָמעדיע: זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש לטובת אַ פרעמדער גרויסמאַכט. זייענדיק אַ פרעמדער בירגער, האָט מען מיך נישט אָנגערירט, אָבער כ'בין אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן פוילן. מיטן אַרעסט זיינען אויך קאָנפיסקירט געוואָרן דער גאַנצער וואַל־מאַטעריאַל און די צעטלעך 18 — צוויי טעג פאַר די וואַלן.

## מאין יבוא עזרי

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרלאָזן פוילן באַלד לויטן באַפעל. כ'האָב שנעל אָרגאַניזירט אַ נייעם קאָמיטעט און מיר האָבן געוואָרט אויף גאָטס הילף. מענטשן זיינען געווען אינגאַנצן פאַרצווייפלט. און אָט, די ישועה איז געקומען, דווקא פון אַ גוי און דווקא אַ פּאָליאַק.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, גיי איך אַזוי אויף יאַגעלאָנסקאַ די לוצקער הויפּט־גאַס. און אָט באַגעגן איך דעם פוילישן אַדוואָקאַט ווישי־

קאָווסקי, דאַמאָלסדיקער פירער פון דער „וויזוואָליעניע", אַ קליינע, לינקע פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון דער אינטעליגענץ, אָבער אין לוצק — אויך פון די באַן־אַרבעטער. כ'האָב געזען זיין אָנגעכמורעטן געזיכט און אים געפרעגט, וואָס איז די סיבה. ער האָט מיר דערציילט, אַז די רעגירונג האָט מבטל געמאַכט אין דער לעצטער מינוט די ליסטע פון זיין פּאַרטיי מיט אַן'אידיאָטישן תירוץ. איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזערע צרות. פּלוצים, ווי ער וואָלט אויפגעשטראַלט, טוט ער אַ זאָג: „איך וועל אייך העלפן. קום אַריין צו מיר נאָך מיטאָג און מיר וועלן די זאַך אַדורכשמועסן". „אַ פּראָפּאָ", פרעגט ער, „איר האָט אַ זעצעריי?" „יאָ", ענטפער איך. „אויסגעצייכנט", זאָגט ער — און מיר זיינען זיך צעגאַנגען.

נאָך מיטאָג בין איך צו אים געקומען. אין פאַרלויף פון שמועס האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בריוו: „זעצט אויס דעם מאַטעריאַל און פאָרט אין אָוונט מיטן זאַץ קיין ראָוונע און ווענדעט זיך מיט מיין בריוו צום אַדרעסאַט". כ'כאַפּ אַ קוק אויפן אַדרעס און כ'האָב שיעור נישט געחלשט: „קאָלאָנעל... קאָמאַנדיר פון צווייטער אָפּטיילונג (קאָמאַנדאָ), 13־טע דיוויזיע, קאַזאַרמעס, ראָוונע". ער האָט באַמערקט ווי כ'בין צעמישט געוואָרן און מיך באַרואיקט: „זאָרג זיך נישט, ער איז פון אונדזערע איבערגעגעבענע פּאַרטיי־מענטשן. ער וועט אָנלערנען די נבלות דרך־ארץ פאַר דעמאָקראַטיע. מיר וועלן זיי באַצאָלן מיט דער זעלבער מטבע". כ'האָב זיך באַרואיקט. כ'האָב געקאָנט וויזשיקאָווסקין און איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט מיר נישט „אונטערשטעלן אַ פוס". ער האָט געווונטשן דערפאָלג און מיר האָבן זיך געזעגנט.

מיר האָבן אויסגעזעצט דאָס מאַטעריאַל און די נומערן 18, גענומען דעם זאַץ און זיך געלאָזן פאָרן קיין ראָוונע, גלייך צו די קאַזאַרמעס. מ'האָט אונדז באַגעגנט מיט חשד, דאָך האָט מען מיך אַריינגעלאָזט אינעם קליינעם הייזל פון קאָלאָנעל אינעם גרויסן הויף. דער קאָלאָנעל האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען. זיך שנעל אָנגעטון, זיך אַריינגעזעצט אין אונדזער מאַשין און געהייסן דעם שאָפער פאָרן. ווּהין? — פרעג איך. „איך וועל אייך ווייזן. אין רעגירונגס־דרוק". צוליב דער פינצטערניש, האָט ער נישט געזען מיין גרויס פאַרוווּנדערונג, אָבער ער האָט ווי געשפּירט: „זאָרג זיך נישט", מאַכט ער, „זיי זיינען אַלע אונדזערע מענטשן, זיי אַרבעטן נאַכטשעהן. כ'האָב שוין געהאַט אַ טעלעפאָן פון וויזשיקאָווסקין. זיי וועלן אייך אַלץ אָפּדרוקן".

וכך הוה. זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט און אונדז אָפּגעדרוקט די פלוגבלעטלעך און די 18־טלעך. אויף צומאָרגנס אינדערפרי, זיינען אַלע געווען איבעראַשט, זעענדיק געדרוקט מאַטעריאַל פון „בלאָק". די פלוגבלעטלעך האָבן געטראָגן די חתימה, לויטן געזעץ, „געדרוקט אין „סלאָנצע", וואַרשע, נאַלעווקי 17". דאָרט איז באמת געווען אַ דרוק. דאָס איז געווען אַ גרויסער סיורפּריז פאַר דער מאַכט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן'אויספאָרשונג און ווען מ'איז דערגאַנגען אויף מיינע שפּורן, האָט מען מיר גלייך געהייסן זיך פאַרנעמען פון פוילן.

## אַ פּוילער געשעפט

צום עצם־רעזולטאַט פון די וואַלן: מיר זיינען אַדורוגעפאַלן. דער בלאָק האָט האָט אַדורכגעפירט איין מאַנדאַט בלויז, דעם אוקראַינער, וואָס איז, דרך אגב, געווען אַ קנאַפּער יידנפריינד. אָבער „ביזנעס איז ביזנעס" אַפילו אין פּאָליטיק. אַזוי האָבן געמיינט אונדזערע מענטשן. אָבער דאָס איז געווען אַ פויל געשעפט, וואָס ס'האָט זיך בכלל נישט געלוינט. ד"ר ראָטפעלד און ד"ר בראָמבערג זיינען נישט געוויילט געוואָרן. ס'האָט געזיגט די ליסטע נומער 1 פון די קאָלאָנעלן, וואָס האָט זיך כלומרשט גערופן אויך „די אומפּאַרטייאישע". זיי האָבן באַקומען די מערהייט פון די 6 מאַנדאַטן, צווישן זיי דער פאָרשטייער פון יידישן סוחרים־פאַראיין, אַפּטייקער דאַל, אין סענאַט. די פּאָליאַקן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון אין וואָלין, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, און אויך אין אויסלאַנד, ווי אַזוי דער נצחון איז דעראָבערט געוואָרן. דערצו האָב איך אויך אַ ביסל געזאָרגט, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון אויסלענדישע צייטונגען.

היינט געהערט גאַנץ וואָלין, ווי באַוווּסט, צו דער סאָוויעטישער אוקראַינע, און נישט צו דער פאַנאַטישער קאָמוניסטישער פוילן, וואָס איז איצט, דרך אגב, כמעט „יודענריין". ס'ווערט דאָרט געלעזן ענדלעך די „יודענפראַגע", ממש לויט „גירוש שפּאַניע" — נוסח היינטיקן „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" פוילן. אויס פּראָבלעמען.

# א חתונה אין שטעטל

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

(דערציילונג)

נאָך שבועות. אַ שיינער זומער־טאָג. דאָס גאַנצע שטעטל גייט כאַדאָראַם... חיי׳קע אהרן קאוועל׳ס האָט היינט חתונה — פאַר אַ לויצקער חתן. ער איז משה דעם חזן׳ס זון, אויך אַ חזן. דער גראַף שיקט אַרויס זיין קאַרעטע מיט צוויי פערד, פאַרפּוצט מיט סטענגעס און גלעקלעך אַריינצונעמען דעם חתן מיט די מחותנים. אַזוי איז זיך דער גראַף נוהג תמיד ווען מ׳מאַכט חתונה אַ מיידל. ער נעמט אין זיין קאַרעטע אַריין דעם חתן מיט די מחותנים. אויף דער חתונה שפּילן אויך די לויצקער כלי־זמר... די כלי־זמר פון אליק זיינען שוין געוועזן. זיי האָבן דאָ חזקה. זיינען די מענטשן נייגעריק צו זען אַ חתונה מיט צווייערליי כלי־זמר.

איך פלעג פאָרן אַלע יאָר אויף שבועות צו גאַסט ביי זיידע־באָבע. רופט זיך די באָבע אָפּ צו מיר:

— סילקעלע וואַש זיך אַרום. איך וועל דיר אָנטאָן דאָס נייע קליידעלע, נייע שיכעלעך, פאַרקעמען דיינע צעפּעלעך מיט שיינע סטענגעלעך און וועסט מיט אונדז גיין אויף דער חתונה.

דערנאָך הייסט זי מיר נישט פלאָנטערן פאַר די פיס. זי און דער זיידע דאַרפן זיך פאַרפּוצן. גיי איך מיר אַרויס אַ פאַרפּוצטע אין גאַס. ביים צווייטן הויז אין גאָרטן, ביי חיים מיליער. שטייען מענער און פרויען, קינדער און ווייסע חברה־ניקעס. אַלע ווילן זען דעם חתן וואָס שטייט דאָרט איין. ביי די טרעפּלעך פון אַריינגאַנג, שטייען די לויצקער כלי־זמר. איך שטופּ זיך דורך דעם גרויסן עולם און דערקען פון די כלי־זמר אייזיקל מיטן פלייט. אונדזער שכן. ער נעמט מיך אַרום, גיט מיר אַ קוש און זאָגט: „סילקעלע, טאַנץ פאַר מיר אַזוי ווי דו טאַנצט אין דער היים״. איך לאָז זיך לאַנג נישט בעטן און ער הייסט די קאַפּעליע אויפשפּילן אַ פריילעכס.

איך טאַנץ אויסטופּענדיק צום טאַקט מיט די פיסלעך. דער עולם אַ באַגייסטערטער פּלעסקעט און איך הער זאָגן: „אָט, דאָס איז אַ גרויסשטאָטיש קינד!״

מ׳שרייט אויס: „מאַכט אַ וועג, דער חתן גייט!״ און ס׳באַווייזן זיך צוויי מענער וועלכע פירן דעם חתן צו דער כלה. די כלי־זמר שפּילן אויף, דער חתן גייט, און סיי די כלי־זמר סיי דער גרויסער עולם גייען נאָך דעם חתן צו חיים׳ס הויז. דאָרט שטייט איין די כלה.

כ׳גיי אַריין אין חיימ׳ס הויז. די כלה זיצט אין אַ פאָטעל און דער גרויסער צימער איז פול געפּאַקט מיט מחותנים. די כלה אַליין איז אַרומגערינגלט מיט אויסגעפּוצטע מחותנתטעס. דער אַליקער בדחן רבי לייזער, אַ הויכער בייכיקער ייד אין אַ שוואַרצן סערטוג, און הויכן צילינדער, דערנענטערט זיך צו דער כלה. ער הויבט אָן אויף זיין שטייגער ווי אַלעמאָל, — מיט זיין באַסאָוון קול, מיט אַ טרויעריקן ניגון: „אוי, כלהניו — כלהניו וויין״. נאָך דעם הויבט אָן איציק דער לויצקער כלי־זמר, אַ טויבער, אויף זיין כישופדיק פידעלע אַזוי קונציק שפּילן אויף די וויינענדיקע סטרונעס, אַז זיי רירן גלייך אָן די ווייבערישע הערצער. די ווייבער. אַלע ווי איינע, צעכליפּען זיך אויף אַ קול. זיי ווישן די אויגן, שנייצן די נעזער און די כלה וויינט צוזאַמען מיט זיי.

נאָכן באַזעצן די כלה האָבן זיך מיידלעך אויסגעשטעלט אין דרויסן מיט קאָ־לירטע, אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. די חופה מיט 4 דרענגלעך האַלטן בחורים, ווייזט אויס קרובים פון דער כלה. דער רב רב׳ העניכל פראַוועט חופה־וקידושין, זיין שיינע שטים צעקלינגט זיך איבערן פלאַץ. נאָך דעם באַגריסט מען חתן־כלה. אויף העברעיש. אויף רוסיש און אויף יידיש. מ׳שרייט אוררא און מ׳באוואַרפט זיי מיט קאָנפעטי. פלוצלונג באַווייזט זיך אַ ברייטע מומע מיט אַ געפלאָכטענעם קוילעטש אין די הענט, טאַנצנדיק אַ קעגן חתן־כלה.

אין הויז האָט זיך דער עולם אויסגעזעצט ביי לאַנגע טישן אויף בענק. מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער. יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען. אַ גרופּע פרויען סערווירן די געשמאַקע מאכלים. וועלכע די סאַרווערנס רחל פּאַוועשעס און לייבציכע האָבן צוגעגרייט. זייער באַקן און קאָכן האָבן אַ גרויסן שם. מ׳דערלאַנגט די געפילטע פיש, די גאָלדענע יויך, פּעטע קישקעס, געבראָטנס און געקאָכטס. פאַר די מענער שטעלט מען אַ־ועק בראָנפן, 90־קער, זיי פאַסמאַקעווען זיך.

ס׳נעמט נישט לאַנג און זיי ווערן בגילופין. מ׳טאַנצט אַ מצוה־טענצל מיט דער כלה. דערנאָך לאָזן זיך די חסידים און שיינע באַלעבאַטים פון שטעטל אין התלהבותדיקן חסידישן טאַנץ. מיין זיידע, איצע סטאַראָסטאַ, אַ הויכער ייד מיט אַ שיינער באָרד, צע־קעמט מיט צוויי שפּיצן אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע, הויכע שטיוול — טאַנצט אויף טיש און אויף בענק. און אָט נעמט אים אַריין אין דער ראָד לייביש גרשונס, אַ ייד מיט אַ שמאָל בערדל און ברייטן שמייכל. און אָט קומט צו דער משגיח איציק־לייב, אַ הויכער ייד מיט אַ גרוי־ווייסער באָרד, אין אַ שוואַרצער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיט ווייסע לאַנגע זאָקן און קורצע האַלבע שיך. די ראָד ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, דאָס טופּען מיט די פיס שטאַרקער. זיי פלעכטן זיך צוזאַמען אין אַ היילקער קייט, זינגענדיק, די כלי־זמר שפּילן, העכער, העכער. מ׳שטייט אויף די בענק און מ׳קוקט אויף די טאַנצנדיקע ביז מ׳ווערט מיד.

די כלי־זמר שפּילן אויף פאַר פרויען. קאַדערילס, אַ שער, אַלענסעיס, פרייליעכס. יונג און אַלט באַטייליקן זיך. דערנאָך קומען די יינגלעך און מיידלעך. טאַנצן צוזאַמען. וואַלסן. מאַזורקעס, ־ויינגערקעס, קראַקאָוויאַק, פּאַליעספּאַנס. זיי וועלן אַזוי טאַנצן ביז אין טאָג אַריין.

ס׳איז אַ מנהג אָפּצופירן די מחותנים אַ היים מיט כלי־זמר. די שיינע מוזיק הערט זיך איבער דער גאַנצער גאַס. פרויען זיינען נאָך וואַך. וואַרטן, כדי צו הערן די מוזיק, וועלכע לאָזט זיך לאַנג געדענקען.

די כלי־זמר שפּילן. ס׳עפענען זיך פענסטערלעך און פרויען־קעפּ בויגן זיך אַריבער. כ׳הער איינע רופט זיך אָפּ: „שטענדיק ווען די כלי־זמר באַגלייטן די מחותנים טוט מיר עפּעס דאָ אַ טיאָכקע אין האַרצן. אָבער איצט טיאָכקעט עס גאָר־גאָר.״ און אַ צווייטע יינגערע פרוי: „וואָס איז דער חידוש? דאָס ערשטע מאָל הער איך לויצקער כלי־זמר שפּילן אין מלינאָוו. ס׳איז נאָר מקנא צו זיין די גרויסשטעטישע״ און אַ מיידעלע: „מאַמע, ווען וועל איך שוין פאָרן אָנקוקן לויצק?״

# בערדיטשעוו פון אמאל

ד״ר צבי קאַמינסקי

## רופאים און פעלדשערס

אַזוי ווי אַן אינדזל אין מיטן פון ים, אַזוי איז געשטאַנען איין הויף און שיין הויז אויף די פּיסקעס. ס׳איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פּאַרקן, די קינדער זאָלן נישט קענען רייסן די פּירות.

דאָס שיינע הויז האָט געהערט צו מלך רופא. פאַרטאָג פלעגט ער אַרויספאָרן אויף זיינע וויזיטן מיט אַ פערד און וועגעלע. דער קוטשער, אַ גוי מיט צוויי הויקערס, האָט געטריבן דאָס פערד איבער די פּיסקעוואַטע בלאָטעס מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. ביי אַ קראַנקן פלעגט זיך מלך רופא פאַרהאַלטן געציילטע מינוטן, אָבער ער האָט באַוויזן צו שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז. לייענען אָדער שרייבן רעצעפּטן האָט ער נישט געקענט. ער פלעגט מיט זיך מיטברענגען אַ טייל מעדיקאַמענטן, און אַנדערע פלעגט ער הייסן קויפן אין דער אַפּטייק. ס׳זיינען געווען ביי אים צווייערליי רפואות: אַראָמאַטנע עסיק מיט מערעשקע־ספּירט, אָדער אַלטיי־סיראָפּ מיט וויזעווע צוויט. זיינע מעדיקאַמענטן פלעגט אים צוגרייטן זיין איינציקער זון, וועלכער האָט ביי זיך איינגעאָרדנט אַ לאַבאָראַטאָריום. פאַר אַ וויזיט פלעגט ער נעמען פון צוואַנציק ביז דרייסיק קאָפּיקעס. ער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן פעלדשער.

אויף דער זשיטאָמירער גאַס איז געווען צו באַמערקן אויף אַ הויז זייער אַ גרויסע שילד, געשריבן אויף רוסיש: „סטאַרשי מעדיצינסקי פעלדשער אי אָספּאָפּריוויוואַטעל ש. שאַרף״. דאָס האָט געהייסן אויף פּראָסט מאַמע־לשון — אַן עלטסטער מעדיצינישער פעלדשער און פּאָקן־שטעלער.

נישט ווייט פון אים האָט געוווינט דער פעלדשער סאָקאָל, אָדער ווי די ווייבער האָבן אים גערופן — סאָקאָלאָוו. דאָס איז געווען אַ דיפּלאָמירטער פעלדשער, אַ פריילעכער, אַ צוגעלאָזטער. אַז ער פלעגט קומען צו אַ קראַנקן, פלעגט ער באַלד זאָגן: קיינע געפאַר, קיינע געפאַר...

אַ ביסל ווייטער האָט געוווינט יענקל רופא, אָדער דער פּראָסקורעווער. ער איז געווען אַן עלטערער ייד, אַ רואיקער און באַטראַכטער. ער האָט געקענט פאַרשרייבן אַ רעצעפּט און מען האָט פון אים זייער געהאַלטן.

הינטער דער גרעבליע האָבן זיך געפונען נחום רופא, אהרן רופא, דער דיפּלאָמירטער קראַווטשענקאָ (אפשר גאָר אַ קרוב פון דעם, וואָס האָט אויסגעקליבן די פרייהייט?) דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער פעלדשער אין יענעם שטאָט־טייל איז געווען סאָלאָגוב. ער איז אויך געווען דיפּלאָמירט און געהאָט זייער אַ גרויסע פּראַקטיק.

אין צענטער פון שטאָט האָט געוווינט דער פעלדשער מינדלין. דאָס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. אַ קליין מענטשעלע מיט אַ שיין איידל געזיכט. ער פלעגט אַרומפאָרן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אים פלעגן נעמען די דאָקטוירים, ער זאָל זיי צוהעלפן ביי פאַרשיידענע אָפּעראַציעס. ביי זיך אין דער היים פלעגט ער אויפנעמען יונגעלייט, וועלכע ער פלעגט היילן זייערע ווענערישע קראַנקהייטן. זיין לעבן האָט ער פאַרענדיקט טראַגיש. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען עטלעכע יאָר נאָך דער רעוואָלוציע.

## אַנדערע ספּעציאַליסטן

אויסער די דאָזיקע פעלדשערס האָבן זיך נאָך אין שטאָט געפונען פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן, וואָס פלעגן „היילן״ קראַנקע. אָפּטמאָל פלעגן זיי ברענגען די קראַנקע צו אַזאַ שווערן צושטאַנד, אַז אַן אמתער דאָקטאָר האָט זיי שוין נישט געקענט מער העלפן.

אָט נעמט, למשל, דאָס געוועלבל פון פייגע לאה, וואָס האָט זיך געפונען פּונקט אַנטקעגן איבער דער אַלטער שול. אויף דער טיר זיינען געווען אויפגעהאַנגען זעקלעך מיט פאַרשיידענע קרייטעכצער. ווען מען פלעגט אַריינגיין אין געוועלבל, האָט מען דאָרט געזען שטיין אַ יידענע מיט אַ פּאָר ברילן אַרויפגערוקט אויף דעם שטערן. אָט שטייט נעבן איר אַ קונה — אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, אַ קינד אין בויך און עטלעכע קינדערלעך שלעפּן זיך נאָך ביים קליידל. זי זאָגט עפּעס אַ סוד פייגע

לאהן. יענע לאָזט אַראָפ די ברילן איבער די אויגן, גייט צו צו אַ פאַליצע, נעמט אַרויס אַ פעקעלע מיט קרייטעכצער און זאָגט איר ווי אַזוי זי דאַרף זיך דערמיט באַגיין. בעת ביי איר האָבן זיך געפונען עטלעכע קונים מיטאַמאָל, פלעגט זי פאַר זיי האַלטן אַ רעדע. איר זעט, פלעגט זי זאָגן, ביי מיר באַקומט איר פאַר עטלעכע קאָפּיקעס אַ רפואה שלימה... אָבער זיי (דאָס האָט זי געמיינט די דאָקטוירים) נאַרן ביי אייך אויס די פאַר קערבלעך און זיי פאַרשרייבן אייך עפעס אַ מאַכערייקע אין דער אַפטייק, וואָס העלפט גאָרנישט. קרייטעכצער האָט זי געהאַט צו וואָס איר ווילט נאָר: צו קאָפ־ווייטיק, צו פרויען־קראַנקהייטן, אפילו צו ליבע האָט זי אויך געהאַט אַ מיטל.

פאָפולער איז אויך געווען אין שטאָט די ציפערין, וועלכע האָט געהיילט די פאַרכעס. אַז מען פלעגט נאָר געבן אַ קוק אויף דער יידענע איז באַפאַלן אַ שרעק, נישט נאָר אויף די קינדער, נאָר אויך אויף דערוואַקסענע מענטשן. אַ ברייט פנים, אָנגעגאָסן מיט בלוט, מיט גרויסע הענט און פיס, זי פלעגט אויסציפן איינציקע האָר און דאַן באַשמירן מיט אַ ספעציעלע זאַלב. דאָס, וואָס שפעטער מיט יאָרן האָט דער „אַזע", צי דער „טאַז" אויסגעהיילט אין משך פון איניקע וואָכן, האָט די יידענע, די ציפערקע, געהיילט אין משך פון יאָרן, און דער סוף איז געווען, אַז מען איז געבליבן ביים פאַרך אָדער אין בעסטן פאַל — אָן האָר אויפן קאָפ.

## די טאָטערקע

אַ פרוי מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט שוואַרצע האָר, מיט טיפישע טאָטערישע אויגן, איז אויך געווען פאַררעכנט צו די, וואָס האָבן געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף. זי האָט געמאַכט דעם קראַנקן פאַרשיידענע מאַניפולאַציעס אויף דעם פנים. בשעת מעשה האָט זי געמורמלט אויף איר שפראַך פאַרשיידענע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. נאָך יעדן מאָל אָפשפרעכן, פלעגט זי אויסשפייען טרוקענערהייט עטלעכע מאָל. אַוועקגייענדיק, האָט זי איבערגעלאָזט דעם קראַנקן עטלעכע שמאַלע, לאַנגע פאַפירלעך, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ געלער פליסיקייט עפעס אויף טאָטעריש. די פאַפירלעך האָט מען געדאַרפט אַריינלייגן אין אַ גלאָז וואַסער און געבן אויסטרינקען דעם קראַנקן. פון דעם איז די טאָטערקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַ רובל.

## דאָבריש די באָבע

אויסער דעם, וואָס זי פלעגט אָפנעמען קינדער, האָט זי געהאַט נאָך אַ פאַך — זי איז געווען די גרעסטע ספעציאַליסטין אויף אָפשפרעכן „אַ גוט אויג" (עין הרע). דאָס פלעגט זי מאַכן אָן געלט, נאָר לשם מצוה. נישט איינמאָל פלעגט מיך שיקן די רביצין, ווען איך בין געווען אַ חדר־ייִנגל, צו דאָברישן, אַז זי זאָל איר אָפשפרעכן „אַ גוט אויג". דאָס פלעגט זי אויך מאַכן הינטער די אויגן. מען פלעגט זאָגן דעם נאָמען פון דער פערזאָן און דער מוטערס פולן נאָמען. דער אינהאַלט פון אָפשפרעכן איז דער: דריי ווייבער זיצן אויף איין שטיין, איינע זאָגט, אַז שרה בת רחל האָט געכאַפט „אַ גוט אויג". די צווייטע זאָגט, אַז ניין. די דריטע זאָגט: פון וואַנען עס האָט זיך גענומען, אהין זאָל דאָס גיין. אויף פוסטע וועלדער, אויף פוסטע פעלדער, ווי קיין מענטשן גייען נישט, ווו קיין הענער קרייען נישט, אַהינצו זאָל דאָס גיין, און דאָרט זאָל דאָס בלייבן שטיין. זי פלעגט דאָס זאָגן דריי מאָל, דריי מאָל טרוקן אויסשפייען — און דעם קראַנקן פלעגט באַלד בעסער ווערן...

## דאָקטוירים: דער אַלטער דור

די איינוווינער פון די איבעריקע שטאָטטיילן האָבן געלעבט אין בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און טאָקע דערפאַר איז דער סאַניטאַרער און היגיענישער צושטאַנד ביי זיי געווען אַ פיל בעסערער. אין מיטן דער שטאָט איז געווען אַ גרויסער בולוואַר באַזעצט מיט ביימער, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום וואָקזאַל. ס'איז אויך געווען אַ שיינער פאַרק עלדאָראַדאָ און אַ צווייטער סאַן־סוסי, ווו מען פלעגט שעפן פרישע לופט. די מענטשן פלעגן זיך אויך דערלויבן אַרויסצופאָרן אויף אַ דאַטשע. ס'זיינען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַרויספאָרן אין אויסלענדישע קור־ערטער. אין דעם שטאָט־טייל, אויב עמעצער איז קראַנק געוואָרן, פלעגט מען זיך זייער זעלטן באַנוצן

מיט אַ פעלדשער. מען פלעגט זיך גלייך ווענדן צו אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט.

די דאָקטוירים טייל איך דאָ איין אויף צוויי קאַטעגאָריעס. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע ווערן ביי מיר פאַררעכנט די דאָקטוירים פון דעם אַלטן דור, דאָס הייסט די, וועלכע איך האָב געקענט אין מיינע קינדער־יאָרן. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע — די דאָקטוירים, וועלכע זיינען צוגעקומען ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָט זיינען די דאָקטוירים לויטן אלף־בית. דאָס זיינען די אַלטע דאָקטוירים:

ד״ר אלמז — אויערן, נאָז און האַלז; ד״ר אנשילעס — גינעקאָלאָג; ד״ר באומהאָלץ — אַלגעמיינע קראַנקהייטן. דאָס איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מאַן. ווען איין פוס וואָלט ביי אים ניט געווען קורצער פון דער צווייטער וואָלט ער געווען אַ קאָפּיע פון דאָן קישאָט; ד״ר געלבאַך — כירורג; ד״ר גאָרענשטיין — אַלגעמיינע קראַנקהייטן; ד״ר דינאָוואָסקי — אַ פּאָליאַק, אַלגעמיינע קראַנקהייטן; ד״ר טשערני — אַלגעמיינע קראַנקהייטן; ד״ר עפּשטיין — אָקוליסט. ער איז אויך געווען דער אַגענט פון דער „ייקאָ״־געזעלשאַפט; ד״ר פּעשינסקי — אַ פּאָליאַק, אַלגעמיינע קראַנקהייטן. אָפּטמאָל, נאָך זיין אָוועקגיין פון אַן אָרעמען קראַנקן, פלעגט מען געפינען אונטערן קישן אַ פּאָר רובל, וואָס דער דאָקטאָר פלעגט אונטערוואַרפן; ד״ר צמחמאַן — אויערן, האַלדז און נאָז. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ער אַליין איז געווען אין גאַנצן טויב. צו אים פלעגט מען רעדן דורך זיינע אַסיסטענטן. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויף דעם דאָזיקן געביט; ד״ר קודיש — גינעקאָלאָג און אַלגעמיינע קראַנקהייטן. דאָס איז געווען אַ מאַן, אַ הויכער, אַ דיקער מיט גרויסע וואָנסן, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געזען דיקע, פליישיקע ליפּן. אַז ער פלעגט פאָרן אויף זיינע וויזיטן, פלעגט דער קוטשער פאָרן פאָרויס און ער פלעגט נאָכגיין צופוס. ערשט ווען ער פלעגט שטאַרק מיד ווערן, פלעגט ער זיך אויפזעצן אויף דער דראָזשקע; ד״ר קושניער — גינעקאָלאָג. ער איז אויך געווען אַן אייגנטימער פון אַ קליניק פאַר קימפּעטאָרינס; ד״ר קעסטעלמאַן — קינדער־קראַנקהייטן; ד״ר ראַוויטש — פרויען ־ און אַלגעמיינע קראַנקהייטן; ד״ר ד. מ. שרענציס — אַלגעמיינע קראַנקהייטן; ד״ר שפּערלינג, דער אָרדינאַטאָר פון יידישן שפּיטאָל. ער איז געשטאָרבן אין עלטער קרוב צו 100 יאָר.

די דריי ברידער דעקעלמאַן. בשעת דער רעוואָלוציע אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו; ד״ר למדן — אַלגעמיינע קראַנקהייטן, געשטאָרבן בערך אין יאָר 1918; ד״ר לאפרון — מיליטערישער דאָקטאָר; ד״ר ניעבראַט — מיליטער־דאָקטאָר, געשטאָרבן פון פלעקן־טיפוס אין יאָר 1918; ד״ר ליכטענפעלד — מיליטער דאָקטאָר, אומגעקומען פון די באַלשעוויקעס; ד״ר מנקר — אלג. קראַנקהייטן; ד״ר ל. וואָלמאַן, אַ פּאָפּולערער, זייער חשובער דאָקטאָר און כלל־טוער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַלוועלטלעכן „אָזע״ אין ניו־יאָרק.

דער איינציקער הייל־אַנשטאַלט איז געווען דער ביקור־חולים. אין אַ גרויסן און פּראַכטפולן פּאַרק, צווישן הויכע און געדיכטע ביימער, האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע געביידעס פון דעם יידישן שפּיטאָל, וועלכער איז געווען פאַרזאָרגט מיט די בעסטע איינריכטונגען. דער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן אין די 60־ער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערטס.

## די אפּטייקן

ציפּריסעס אפּטייק איז געווען די עלטסטע אין דער שטאָט. אויף דער שילד איז געווען (ווי אויבן דערמאָנט) אַן אויפשריפט: „עקזיסטירט פון דעם יאָר 1789״. דאַמאַנסקיס אַפּטייק. דאַמאַנסקי איז געווען אַ פּאָליאַק. זייער אַ שיינער מאַן, מיט אַ נאָבעלן פּנים, מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי שפּיצן. אַלע אָנגעשטעלטע זיינען געווען יידן. דאַמאַנסקי האָט אויך גערעדט אַ שיינעם יידיש. אַז אַ דאָקטאָר פלעגט שרייבן אַ רעצעפּט און צוגעבן „פּראָ פּאַאופּעריס״, דאָס הייסט פאַר אַן אָרעמען, האָט דאַמאַנסקי גערעכנט דעם קלענסטן טאַריף, אָדער ער האָט אין גאַנצן געגעבן דעם רעצעפּט אַן געלט.

שיפּעראָוויטשעס אַפּטייק, האָמעאָפּאַטישע, אָדער גראָפּל אַפּטייק. זיעמסקע־אַפּטייק; פּאָפּירעטשנע אַפּטייק; וורובלעווסקיס אַפּטייק;

טשודאָווסקיס אַפּטייק; ראַוויטשעס אַפּטייק; באַראַצס אַפּטייק; פעלדמאַנס אַפּטייק. פעלדמאַן אירז געווען אַ פּינסקער ייד. ער האָט געקאַנט זייער גוט לערנען, איז געווען א למדן. וועגן אים פלעגט מען דערציילן אַ וויץ: איינמאָל, ווען די פרוי איז געזעסן ביי דער קאַסע און אַ קונה האָט איר באַצאָלט אַ רובל מיט 25 קאָפּיקעס, האָט זי באַמערקט נאָך דעם ווי דער קונה איז אַוועקגעגאַנגען, אַז דער זילבערנער רובל און דער זילבערנער צוואַנציקער זיינען גע־ווען פאַלשע. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן זוכן דעם קונה, נאָר דער מאַן האָט זי פאַרהאַלטן. ער האָט געזאָגט: „לאָז אים לויפן, אין די קופּערנע פינף קאָפּיקעס האָבן מיר שוין אויך ריווח״. סאלאדארס אַפּטייק, פון וועלכן די דרומ־דיקע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויפן אַלטן בית־עולם.

מיט דעם פאַרענדיק איך מיין באַריכט וועגן דעם סאַניטאַרן און היגיענישן צושטאַנד אין בערדיטשעוו ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע.

לייב אייזן

# נעכטיקע טעג

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שרייבן נאָר לידער צום זינגען.
כ׳האָב געמיינט כ׳וועל נישט זיצן באַוויינען דעם חורבן.
כ׳האָב געמיינט כ׳וועל פאַרגעסן מיין שטאָט און מיין היים.
לעבט אויף אָבער תמיד דער פלאַסטער פון יוגנט.
חלומות, געזאַנגען. פון נעכטן געדאַנקען.
געסלעך און שטיבער און וועלדער און טייכן.
דער שבת־שפּאַציר צווישן בוימער. די ליפּעס.
דער חדר. דער קאַנטשיק. מלמד ר׳ מכל.
דער חומש מיט רש״י און רבי ר׳ אבא.
דער מאַרק און די סעדער. גערטנער, לאַנקעס...

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל נישט בענקען נאָך נעכטיקע טעג,
אַז זיי וועלן פאַרגיין און פאַרגעסן, פאַרשלונגען.
קומט אָבער דער נעכטן און שטייט און לעבט אויף
און קלאַפּט אָן אין האַרצן: גיי רעד און דערצייל.
ווערט קאָפּ דערוווייל מיד און זכרון אַלץ שוואַכער
די האַנט טוט אַ ציטער: גרוי. האַלב־געבויגן — — —

און אייגן מיט אַזאַ אויסגעלאָשענעם בליק
קוקן פאַרחלומט ווייט ווייט אויף צוריק.
קוקן און זוכן דאָרט אויס זונענשיין
פון נעכטיקע טעג וועלכע זיינען פאַרביי.

# ברויט

**(דערציילונג)**

## זאב גראַבאָוו

„דער טאַטע איז אַ וועק אין דער מלחמה", אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט. „מאַמע, איז די מלחמה ווייט פון ראָטנע, און ווען וועט דער טאַטע קומען צוריק.?" ס׳איז שוין אַזויפיל צייט אַריבער, פּסח, שוין באַלד פאַר די ימים־נוראים, און דער טאַטע איז נאָך אַלץ נישט געקומען...

אין דער פרייער צייט פון חדר שפּילן מיר זיך אין מלחמה, און אַ פאַרמאַטערטער קום איך אַהיים, די מאַמע דריקט מיך צו צו איר ברוסט און טרערן גלאַנצן אין אירע אויגן. „מאַמע וויין נישט, דער טאַטע וועט קומען פון דער מלחמה און מיר וועלן ווייטער זיין צוזאַמען. אַיאָ, מאַמע?" די מאַמע גלעט מיך איבערן קאָפּ און גיט מיר אַ שטיקל שוואַרץ ברויט באַשמירט מיט אויל. כ׳עס און כ׳טראַכט פאַרוואָס איז די מאַמע היינט טרויעריקער ווי אַלע מאָל.

פרייטיק גיי איך אין באָד אַריין, איך מיט מיינע צוויי ברידערלעך. זיי ווייסן אפילו נישט, אַז דער טאַטע איז אין דער מלחמה, און אַז די מאַמע וויינט. אויך יאָסעלע, דער יתום גייט אַליין אין באָד, ווייל זיין טאַטע האָט געהוסט אַ גאַנצן זומער און געשפּיגן מיט רויטע פלעקן, ביז מ׳האָט אים אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן, און מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אויף קאָולער וועג. אַ סך מאַמעס מיט רויטע אויגן און אַ סך טאַטעס האָבן איר באַגלייט, און ער איז מער נישט געקומען, ער איז געשטאָרבן... יאָסעלע זאָגט קדיש און גייט אַליין אין באָד אַריין...

יעדן פרייטיק הערט מען דאָס שופר בלאָזן, אַ סימן, אַז ס׳דערנענטערן זיך די ימים־נוראים, אינדרויסן בלאָזט שוין אַ קיל ווינטל און אין טייך קען מען זיך שוין נישט באָדן. דער רבי ווערט שטרענגער צו אונדז, און אויך מיר די גרויסע תלמידים, ווערן ערנסטער. ס׳דערנענטערט זיך דאָך דער „יום־הדין". אפשר וועט אויך מיין טאַטע קומען פון דער מלחמה און איך וועל קענען שטיין נעבן אים, דאַוונען פון זיין גרויסן מחזור און אים העלפן זינגען. און נישט איך וועל קידוש מאַכן נאָר מיין טאַטע וועט מיט אַ פריילעכן ניגון קידוש מאַכן און געבן אונדז צו פאַרזוכן פון דעם רויטן ווייַן אין וועלכן ס׳שפּיגלט זיך אָפּ די שבתדיקע ליכט, און די מאַמע שטייט נעבן טאַטן און שיינט פון גליק...

אָבער פאַרוואָס זיינען דאָ אַזויפיל מענטשן ביי אונדז אין שטוב? כ׳לויף אַריין אין איין אָטעם. איז דער טאַטע געקומען פון דער מלחמה? די ווערטער ווערן מיר פאַרגליווערט אויף מיינע ליפּן, דערזעענדיק פאַר זיך דער מאַמען מיט אַ נאַס טיכל אויפן קאָפּ. און מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן. ניין, נישט אַזוי נעמט מען אויף דעם טאַטן וואָס קומט פון דער מלחמה, שכנים שטייען און באַרואיקן דער מאַמען, כ׳פאַל צו צו איר מיט אַ געוויין: „מאַמע, ווו איז דער טאַטע?" און דאָ האָב איך דערהערט דאָס שרעקלעכע וואָרט „יתום מיינער", דער טאַטע וועט שוין מער נישט קומען", דאַמאָלס בין איך עלטער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן. דאַמאָלס האָב איך פאַרלוירן מיין יוגנט און צוזאַמען מיט מיין אָרימער מאַמען האָב איך אָנגעהויבן טראָגן די שווערע לאַסט פון זוכן ברויט פאַר נאָך דריי קליינע קינדער, אין שווערע, ביטערע מלחמה־טעג.

דער ווינטער דערנענטערט זיך מיט געלאַסענע טריט, צוערשט פאַרטרייבט דער קאַלטער ווינט די בלעטער פון די ביימער, פאַרטאָג זיינען די שויבן באַדעקט מיט ווייסע בלומען. די בלאָטע ווערט פאַרגליווערט ביז די זון שיינט אויף. די טעג ווערן אַלץ קורצער און די נעכט לענגער, לענגער.... מיר לייגן זיך שלאָפן פרי, ווייל ס׳איז אַ שאָד דער נאַפט אין לאָמפּ, נישט איינמאָל גייען מיר שלאָפן הונגעריקע. כ׳קען נישט אַנטשלאָפן ווערן. כ׳הער זיך איין צום שטילן געוויין פון דער מאַמען: „גאָט מיינער, העלף אַנ׳אלמנה מיט פיר פיצלעך קינדער — וואָס האָבן זיי געזינדיקט" ?!... פאַרטאָג שטייט אויף מיין מאַמע און הייצט אין די רובע. שטעלט צו קאַרטאָפל

מיט שאַלעכץ צום קאָכן. אין דרויסן בושעוועט אַ זאַווערוכע. מיר טוליען זיך איין איינער צום אַנדערן ס׳זאָל וואַרימער ווערן, כ׳ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן און זע מיין טאַטן...

די שכנים זיינען געקומען און זיך געסודעט מיט דער מאַמען, אויך פון דאָרף ווידריניצע זיינען געקומען אונדזערע באַקאַנטע. יידן וואָס פלעגן אויף ימים נוראים קומען קיין ראָטנע און איינשטיין ביי אונדז אין שטוב און גע׳עצה׳ט דער מאַמען, אַז ביז ס׳וועט זיך ענדיקן די מלחמה זאָלן מיר אַריבערפאָרן אין דאָרף, די קינדער וועלן האָבן מער עסן און אויך אַ מלמד איז דאָ. דאָ אין ראָטנע איז נישטאָ קיין ברויט, די קינדער הונגערן און ווערן געפרוירן פון קעלט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר געהאָלפן אַרויפלייגן אויף אַ פויעריש פורל געשפּאַנט צו אַ קליין פערדל אונדזערע מעבל און קיך־כלים. מיר פאָרן אין דאָרף אַריין.

פאַרפאָרן זיינען מיר צו אַ נידעריקער פויערישער הייזקע באַדעקט מיט אַ שטרויענעם שוואַרצן דאַך. צוויי קליינע פענצטערלעך ווי דערשראָקענע אייגלעך פון אַ קליין קינד האָבן אַרויסגעקוקט פון נעבן דער ערד.

די שווערע טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז געשטאַנען חיה די „גוטע", אַזוי האָבן מיר איר גערופן, ווייל שטענדיק פלעגט זי אונדז געבן אַ גוטע זאַך צום עסן. אַ מאָל אַ קיכל מיט מאָן, אַ מאָל אַ געטרוקנטע באַרעלע, אַ מאָל אַ שטיקל צוקער, און זאָגן: „עסט קינדערלעך, ס׳וועט גוט זיין". זי האָט אַראָפּגענומען פון אונדז די אויבערשטע מלבושים אין וועלכע יעדער איינער פון אונדז איז געווען איינגעוויקלט, זיך צעקושט מיט דער מאַמען, און מיטן פאַרטוך אָפּגעווישט אויגן און נאָז. אויפן טיש איז געשטאַנען אַן ערדענע שוואַרצע שיסל פול מיט קאַרטאָפל, או ביי דער זייט זויער־מילך מיט ווייסן קעז און... אַ סך אַ סך שוואַרץ ברויט...

די טעג ציען זיך לאַנגזאַם ווען מ׳איז הונגעריק... דאָך זיינען מיר שוין דעם צווייטן ווינטער אין דאָרף. זומער דאַרף מען זיך נישט זאָרגן וועגן שיך אָדער וואַרעמע מלבושים, מ׳דאַרף נישט הייצן די רובע. אָבער ווינטער זיצן מיר באָרוועס און הונגעריק אין שטוב און הערן ווי די ברידערלעך מיטן שוועסטערל וויינען און ווילן עסן, און בעטן אַ שטיקל ברויט. דאָס קען איך, אַ ייִנגל פון צוועלף יאָר, נישט הערן.

חיה די גוטע קומט אָפּט אַריין, קוקט זיך ארום און פון אונטערן פאַרטוך נעמט זי אַרויס אַ שטיקל ברויט, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון אירע קינדערס מיילער. אַ מאָל ברענגט זי אַ פּאָר קאַרטאָפל וואָס זי האָט געשנאָרעט ביי אַ פויער.

„מאָרגן", זאָגט זי צו מיין מאַמען „וועט מען טיילן קאָרן אין ראטנע, זאָל בערעלע אויפשטיין פאַרטאָג און גיין קיין ראטנע, אפשר וועט ער אויך קריגן אַביסל קאָרן, וועט זיין ברויט אויף אַ פּאָר טעג".

די מאַמע פרעגט מיך „בערעלע וועסט גיין" ?... „יאָ", זאָג איך, „כ׳וועל גיין, דער טאַטע וועט מיר העלפן פון הימל"...

פאַרטאָג. אינדרויסן פינקלען נאָך די שטערן ווי אויגן פון הונגעריקע וועלף.

די מאַמע טוט מיר אָן אַ טלית־קטן, און זאָגט מיר אָן כ׳זאָל האַלטן די ציצית אין דער האַנט. די מאַמע גיט מיר אַ קוש. כ׳גיב אַ קוש דער מזוזה, כ׳נעם דעם זאַק אויף די פּלייצעס און לאָז מיך אין וועג אַריין קיין ראַטנע.

כ׳גיי אַדורך דאָס שיטערע וועלדל פון דאָרף, כ׳האָב נישט קיין מורא... כ׳טראָג אַ טלית־קטן... איך גיי אויפן שליאַך, וואָס פירט קיין ראָטנע און אין האַרצן זינגט זיך אַ תפילה: „העלף מיר גאָט און היט מיין וועג, כ׳גיי דאָך ברענגען אַביסל קאָרן פאַר מיינע ברידערלעך און שוועסטערל, אַז די מאַמע זאָל האָבן וואָס זיי געבן עסן און נישט וויינען אין די נעכט"...

איך שטיי אין דער ריי און וואַרט. די פיס פרירן מיר פון קעלט, כאָטש אין הימל שיינט די זון... אָבער די זון וואַרעמט דעם וואָס האָט אַ פּאָר וואַרעמע שטיוול מיט אַ גוטן פעלץ. דער וואָס גייט מיט האַלב־צעריסענע שיך, דעם פרירן די פינגער און ס׳צופט ביי די אויערן.

דער טאָג פאַרגייט פּאַמעלעך פאַר דעם וואָס איז הונגעריק, כ׳האָב נאָך היינט גאָרנישט געגעסן. צום גליק, מיין ריי דערנענטערט זיך, און איך שטיי נעבן אַ גרויסן הויפן קאָרן, כ׳פאַרבינד אויף גיך מיינע הויזן אונטער

די קני, בויג זיך איין און אַ זשמעניע קאָרן שיט איך אַריין דורך די צעריסענע הויזן־קעשענעס. נאָך אַ זשמעניע... נאָך איינע. ס׳וועט זיין נאָך אַ שטיקעלע ברויט פאַר זעלדעלען, פאַר שעפסעלען...

„נו קליינער, וויפל זענט איר?" פרעגט מיך איינער אָנגעטאָן אין אַנ׳אוניפאָרם מיט גאָל־דענע קנעפּ. כ׳ענטפער: „פינף, אַ מאַמע מיט פיר קליינע קינדער. דער טאַטע איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה"...

ער שיט אַריין אין מיין זעקל קאָרן וויפל איך קען נאָר פאַרטראָגן.

אַ פריילעכער לאָז איך זיך אין וועג אַריין מיט אַ פולן זאַק אויף מיינע פלייצעס, און אין מיינע הויזן ביז איבער די קני...

כ׳גיי אַהיים, כ׳ווייס אַז אין דאָרף וואַרטן אויף מיר די מאַמע מיט די קינדער, דער זאַק מיטן קאָרן ליגט פעסט אויף מיינע פלייצעס, דער קאַלטער ווינט, וויל אים אַראָפּרייסן, אָבער כ׳האַלט אים צו פעסט מיט מיין רעכטער האַנט, אין די לינקע האַלט איך נאָענט צו מיין לייב, איר צו דערוואַרעמען. יעדעס מאָל בייט איך די הענט.

דער ווינט האַלט אין איין בלאָזן, דער הימל איז באַהאַנגען מיט שוואַרצע כמאַרעס ווי מיט גרויע וועש, און זיי שטופּן איינער דער אַנדערער צום ראַנד ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין פּלאַץ דאָרט פאַר אַלעמען.

די בוימער ביי די זייטן פון וועג שטייען נאַ־קעטע מיט אויפגעהויבענע צווייגן ווי דאַרע הענט צום הימל. אויך זיי איז קאַלט...

כ׳גיי ווייטער. כ׳נעם אַ פּאָר קערנער אין מויל און קייע זיי פּאַמעלעך, די ליפּן זיינען מיר פאַרטרוקנט. דינע שפּילקעס שטעכן מיר אין די שפּיץ אויערן און אין די פינגער פון די פיס, נאָך אַביסעלע...

נאָך אַביסעלע און כ׳וועל זיין אין שטוב, די מאַמע וואַרט. אָט איז דער וועג, וואָס פירט אין דאָרף אַריין. כ׳וויל וויינען... אָבער ווער וועט הערן אַז די מאַמע איז נישטאָ, און דער טאַטע... טרערן רינען מיר פון די אויגן.

כ׳גיי ווייטער און כ׳פיל אַז די כוחות הויב מיך אָן צו פאַרלאָזן, אָבער מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. כ׳מוז גיין. די מאַמע וואַרט. די ברידערלעך מיטן שוועסטערל זיינען הונגע־ריק...

די נאַכט רוקט זיך פּאַמעלעך. ס׳הויבט אָן פאַלן אַ שניי, די אויגן קלעפּן זיך. כ׳זעץ מיך אַנידער אויף אַ שטאַם פון אַנ׳אָפּגעשניטענעם בוים, ביים ראַנד פון וועג וואָס פירט אין דאָרף אַריין. נאָר אַ ביסעלע, נישט שלאָפן... נישט ש־ל־אָ־פּ־ן...

כ׳בין אין שטוב... די מאַמע שיט אַרויס דעם קאָרן און ער איז ווייס ווי שניי... אין אויוון ברענט דאָס פייער און פלעצלעך ווייסע ווי שניי ווערן אויף גיך געבאַקן... דער טאַטע קומט פון שול אַ ווייס־פאַרשנייטער און נעמט מיך אויף זיינע שטאַרקע הענט... אָבער פאַרוואָס שטעכט מיר אַזוי אין די שפּיץ פינגער פון די הענט און פיס... „טאַטע", שריי איך און כ׳עפן קוים אויף די אויגן, ווו בין איך, מאַמע... כ׳קוק זיך אַרום. כ׳ליג אויף אַ פויערישן אויוון, פון דער וואַנט קוקט אַרויף צו מיר „איר" בילד, וואָס מ׳טאָר אויף דעם נישט קוקן. כ׳נעם אין מיינע פאַרשוואַרצטע הענט די ציצית. כ׳פיל ווי שווערע מאַזאָליעדיקע הענט רייבן מיינע פיס. די פויערשע ברענגט מיר הייסע מילך צו טרינקען. „ווו איז מיין מאַמע"? בעט איך זיך ביי איר. די פויערטע באַרויקט מיך „זי וועט באַלד קומען", און דערציילט מיר, אַז איר מאַן איז געפאָרן פון וואַלד אַ היים מיט אַ וואָגן פול מיט צווייגן, האָט זיך איין צווייג ביי עפּעס פאַרטשעפּעט און איז אַראָפּגעפאַלן, און ווען ער איז געגאַנגען עס אויפהויבן האָט ער דיך דערזען אַ דערפרוירענעם.. ער איז געפאָרן זאָגן דיין מאַמע אַז זי זאָל זיך נישט זאָרגן, דער זאַק מיט קאָרן איז דאָ, און אויך דער קאָרן פון די הויזן.

ס׳האָט זיך געעפנט די שווערע פויערישע טיר און אויף דער שוועל איז געשטאַנען מיין מאַ־מע. זי איז ארויף צו מיר אויפן אויוון. מיך צוגעדריקט צו איר האַרצן און טרערן זיינען גערונען פון אונדזערע ביידנס אויגן. באַנעצט דאָס פנים. אין מויל זיינען זיי געווען וואַרעם און געזאַלצן.

דוד כהן

# רבי פנחס׳ל קאָרעצער

## אין זכות פון דריי מידות פון קאָרעצער יידן

פלעגט זאָגן דער גרויסער רבי פנחס׳ל אויף די קאָרעצער יידן, אַז זיי זיינען באַשאָנקען מיט דריי מידות: האַלטן זיך פשוט, זיינען נאַאיוו און באַשיידן. דריי מידות וואָס זיינען פון די יסודות פון דער וועלט און ווייל איז צו דעם, וואָס דערגרייכט זיי. און צוגעזאָגט האָט ער זיי, אַז אפילו זיין געבוירנשטאָט איז שקלאָוו און זיינע יוגנט־יאָרן זיינען אים אַריבער אין ליטע, איז אָבער דער שורש פון זיין נשמה אין קאָרעץ און אויף איר נאָמען וועט ער זיך פאררופן.

און די קאָרעצער יידן האָבן געגלויבט אין רבי פנחס׳לען.

ויהי, און ווען די רשעותדיקע מלכות האָט געזאָלט גוזר זיין גזרות אויף יידן, זיינען זיי געקומען און זיך געשטעלט פאַר רבי פנחס׳לען און געזאָגט: רבי, פון מאָרגן אָן וועלן ליגן די גזירות אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער, צי דען קאָן מען זיי ניט מבטל זיין?

האָט רבי פנחס׳ל אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף די וואָס שטייען פאַר אים. אַ זיפץ געטון און געזאָגט: ביז איר ציטערט פאַרן מאָרגן, ציטער איך פאַרן איבער־מאָרגן. און מער האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט.

האָבן זיך די קאָרעצער יידן שטאַרק געוווּנדערט איבער זיינע רייד.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיך געשטאַרקט די בענקענישן פון רבי פנחס׳ל נאָכן הייליקן לאַנד, האָט ער זיך געזעגנט מיט די קאָרעצער יידן און זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג.

ויהי, און ווען ער איז געקומען אין דער שטאָט שעפּעטאָווקע איז ער דאָרטן קראַנק געוואָרן. האָט ער געוווּסט, אַז פונעם הימל איז מען מעכב זיין עליה קיין ארץ־ישראל און אַז ער וועט ניט אויפשטיין פון זיין קראַנקנבעט, האָט ער געוואָלט זען די פּני פון די קאָרעצער יידן. האָבן זיינע מקורבים אַלאַרמירט די פרנסי־הצבור פון דער שטאָט קאָרעץ און זיי זיינען געקומען און זיך געשטעלט אַרום זיין בעט.

און זיין קראַנקהייט ווערט שווערער און זיין שטים ווערט אָפּגעשוואַכט. האָבן די פרנסים פון קאָרעץ זיך איינגעבויגן איבער אים און צוגעלייגט אַנ׳אויער כדי צו הערן זיין שטים, זיינען זיינע ווערטער געווען ווי איינער וואָס ציילט גילדנס. אַ רענדל אַ וואָרט. און ער זאָגט צו זיי: צו געדענקט איר וואָס איך האָב אייך געזאָגט — איר ציטערט פאַרן מאָרגן און איך ציטער פאַרן איבערמאָרגן. און זיין קול גייט און ווערט צעבראָכן און טרערן רינען פון זיינע אויגן, און ער זאָגט מיט אַ גרויס, ביטער געוויין: איך זע די שטאָט קאָרעץ; און ניט נאָר קיין לעבעדיקע יידן זיינען אין איר נישטאָ, נאָר אויך קיין טויטע יידן זיינען אין איר נישטאָ — נישטאָ קיין מצבה אויף זייערע קברים.

און די פרנסים רייסן קריעה און זאָגן: הייליקער רבי אונדזערער, פאַרוואָס און צוליב וואָס קומט אויף קאָרעץ אַזאַ גרויסער חורבן? און רבי פנחס׳ל שטאַרקט זיך אַ ווײַלע און זיין שטים ווערט שטאַרקער: איך זע אַ ליכט גייט אויף און דרינגט אַדורך פון ארץ־ישראל — די איבערגעבליבענע פון שטאָט וואָס וועלן זיך צונויפקלייבן קיין ארץ־ישראל זיי וועלן אויפסניי אַרויפברענגען דעם נאָמען פון שטאָט — און קאָרעץ וועט פון דער וועלט נישט פאַרשניטן ווערן.

און דער קבר פון רבי פנחס׳ל איז אין דער שטאָט שעפּעטאָווקע און אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט זיין נאָמען: ר ב י פ נ ח ס פ ו ן ק אָ ר ע ץ.

אמיר גלבע

# ברידערגאַנג

מ׳זאָגט נישט שירה אָן פּרימאָרגן. און ווער וועט לעבן רופן די פּרימאָרגנלאָזע ?
און אָט דאָס ליד איז אויסגעהעפּט אין דעם פּרימאָרגן. ווייל ס׳איז פון אייגן פליישׁ־און־בלוט.
ס׳איז געווען אַ זינגענדיקער גאַנג. ווי ס׳גייט אַ יינגער לאַשעק
צו דער קאָרעטע. אַזוי בין איך געגאַנגען צווישן מיינע ברידער אין מאַרשרוט.

און געגאַנגען און געגאַנגען זיינען מיר. ווער קאָן די שליאַכן ציילן.
און אָט די זון, אָט די, ווי אַזוי פון אויגן אונדזערע געשעפּט ס׳ליכט — אַ וועלט!
און מיר זעען לאַכענדיק ווי אַזוי ס׳גאָלד אונדזערס זי נעמט צענויף
און צעזייט׳ס און צעשפּרייט׳ס אויף די וועגן, געפרוירענע פון קעלט.

איז׳ס אַ פּרימאָרגן. ליכטפּרימאָרגן. אַזוי־אַ איבער וועלט זיינען מיר געגאַנגען, אַ!
טראָמפּייטן שאַלן אונדזער ליד אויס. און זילבערנער געשפּין אין רוים.
ס׳גיסן ברונעמער זיך איבער. און קוואַלן טרייסט. און קיין טרויערער ניטאָ.
אַ, ס׳וועט נישט אַרונטערגיין די נאַכט היינט. ס׳זיינען פול די האָר מיט טוי.

## צווישן מיינע דערנער

אַז כ׳קער זיך אום צו מיינע דערנער
און נעם זיי אָן אַ זשמעניע
און דערלאַנג זיי צו די ליפּן
און וועק אויף מיט זיי די ברעמען מיינע
צו דער מינוט וואָס ווערט געבוירן —
כ׳שווער אייך, כ׳קער זיך אום צו זיי אויס ליבע
און כ׳זשמעניע זיי
און איך פאַרזוך זיי.
כ׳שווער אייך, ס׳איז דאָס גרויסע גליק מיינס
זיי פאַר מיינע אויגן ווייזן
מיין נאַכט פון בלוט
ביי טאָג.

יידיש : נ. ליבנה

# אונדזערע געפאַלענע זין

קאַנצעלאַריע פון גענעראַל פון דיוויזיע־שטאַב,
י׳ חשון תשכ״ה, 9־טער נאָוועמבער 1967

אויסצייכענונג־אָפּשאַצונג, יעקב אביתר, פאַר אַרויסווייזן העלדישקייט, הילפספאַרשטאַנד און אָנפירערשאַפטסביישפיל אויפן שלאַכטפעלד.

דעם 15־טן יוני 1967, אָנפירנדיק מיט אַן אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג און טאַנקנאָפּטיילונג, האָט ער זיך בראַוועריש און מיט שווונג געוואָרפן אויף דער שטאָט דזשענין, שווייגן געמאַכט טאַנקן פון פיינט, פולעמיאָטן און נ.טי.־געווער און באַזעצט דאָס פּאָליציי־הויז. מיידזשער אביתר האָט ווייטער געקעמפט קעגן די פּאַנצער־כוחות פון פיינט און דעקנדיק, כדי צו באַפרייען אַ כוח פון דעוויזיע וואָס איז אַריין אין אַ נעץ פון אַ 20 פּאַטאַנען, האָט ער אַדורכגעבראַכט אַ וועג מיט זיין קייטן־אָטאָ קעגנאיבער די טאַנקן פון פיינט וואָס האָבן גערעגנט מיט אויסערגעוויינלעכן פייער, כדי אַרויסצושלעפן דעם געטראָפענעם כוח. אַרויסהעלפנדיק דעם כוח איז ער געפאַלן, געטראָפן ווערנדיק פון פיינטס טאַנקן...״



און אַן־אָפּטיילונג־אויסצייכענונג, אין וועלכער ס׳ווערט דערציילט מיט מער פּרטים וועגן די העלדישע מעשים פון אָנפירער מיידזשער אביתר. ווי אַזוי ער האָט צעמישט די באַוועגונג פון פּאַנצער און פיעכאָטע פון פיינט, ווי אַזוי, ער האָט אַדורכגעבראָכן אַ וועג אין דער שפּיץ פון אַ כוח קיין דזשענין און איר איינגענומען מיט שטורעם. וועגן זיין „גבורה אין קריג, פאַראויסגייענדיק צום ציל און דאָס קענען זיך אַנ׳עצה געבן. קאַמפּברודערשאַפט, אײַנשטעלנדיק זיך דאָס לעבן און אַז „זיין אויפפירן זיך אויפן שלאַכטפעלד וועט דינען אַלס באַווייז און ביישפּיל...״

## רב-סרן יעקב אביתר (אפטער)

אָט־די אויסצייכענונגען (צל״ש) און זייער אַ סך אַנדער געדרוקט מאַטעריאַל וועגן אויפטו און גבורה׳שאַפט פון זון און די קריגסקאַרטע, אין וועלכער ס׳אָנגעצייכנט דאָס אָרט ווו ער איז געפאַלן — עמק דותן, קאַבאַטיער שיידוועג — ליגן שטענדיק פאַר די אויגן פון זיינע עלטערן, הינדע און זאב אפטער, פון וואָלינער שטעטל האָשטש. אַ סך מענטשן קומען אַריין אין זייער ויז, ווייל ה׳ אַפּטער, דער פאָטער, איז אַ פּרעזידיום־מיטגליד און פינאַנסדירעקטאָר פון וועלטפאַרבאַנד פון וואָלינער יידן און שטייט אין דער שפּיץ פון האָשטשער פאַרבאַנד, און, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר וואָלינער קומען אַריין.

געוויינלעך רעדן נישט די עלטערן אַ סך וועגן זייער זון און וועגן זייער גרויס אומגליק. מונטערע שטימונג און פון הכנסת אורחים דאַרף הערשן אין שטוב! און ווען עמיצער זעט די פיל אַרטיקלען און בראָשורן וועגן זון, וואָס זיינען געוויינלעך באַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג און ס׳פירט זיך אַנ׳אָפּגעהאַקטער שמועס וועגן זיין לעבן און פאַלן צווישן די העלדן — גיסן נישט די עלטערן מיט טרערן. ווען אַ טרער גלאַנצט אויף אין אויג — דאַרף מען גלייך אַריין אין אַ צווייטן צימער און איר אָפּווישן ווען קיינער זעט נישט. ס׳זאָל חלילה נישט געשטערט ווערן די גוטע שטימונג פון זייערע געסט...

אויך יענקעלע איז געבוירן געוואָרן אין האָשטש. אַ געבוירענער וואָלינער! אָבער איז עולה געווען מיט זיינע עלטערן (1933) ווע ער איז נאָך זייער יינג געווען: אַכט מאָנאַטן אַלט.

דער ציוניסטיש־חלוצישער גלי און די שטאַרקע שטרעבונג עולה זיין — פאַרווירקלעכן, האָבן באַצייכנט כמעט די מערהייט פון דער יידישער יוגנט דאַמאָלס אין וואָלין און, פאַרשטייט זיך, דאָס איז אויך געווען די אייגנשאַפט פון זיינע יינגע עלטערן און אין דעם גייסט האָבן זיי אויך

דערצויגן זייער זון. ס'אַלזאָ קיין וווּנדער נישט ווען מיר לייענען אין אַ „להברים"־אויסגאַבע פון מעוז חיים (הקיבוץ המאוחד): „...צו דער יוגנט־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין 1946 איז צוגעשטאַנען אַ גרופּע פון לערענדיקע יוגנט אין תל־אביב מיטן נאָמען „ניצן" (שפּראָצונג). אין דער גרופּע איז געווען יעקב...".

דער שרייבער פון אַרטיקל „אַ נייער דור קעמפערס אין צה"ל" אין „במחנה" 38 (17.5.51) ווייסט צו דערציילן, אַז יענקעלע „איז נישט געגאַנגען דאַמאָלס אויף הכשרה סתם־אַזוי. ער איז געגאַנגען שטורמיש. מיט זיין גאַנצן וועזן... און ס'גייט נישט אַריבער קיין סך צייט און דער גלי הויבט זיך אָן אַרויסרייסן פון אים און יענקעלע הויבט אָן בולט זיין אין זיין גרופּע אויף אַלע געביטן פון לעבן... אומעטום איז ער מצליח: אין פעלד, אין מייסטעריי, אין דערציִונג. ווען מ'דאַרף — ווערט יענקעלע לערער און דערציִער אין דער אָרטיקער שולע". אין 1957 גייט יענקעלע פרייוויליק, צוזאַמען מיט זיין חברטע נירה, העלפן דעם קבוץ נתיב הל"ה (וועג פון די 35) אין עדולם־קרייז.

אין צה"ל צייכנט ער זיך גלייך אויס. אין עלטער פון 19 יאָר, אין קאַדעטן־שולע „באַגעגנט ער זיך", צום ערשטן מאָל, מיט די גאָלאַן־בערג; אין 1951 האָט ער אָנטיילגענומען אין שלאַכט אויף די כינרת־פּאָזיציעס. אויף צו מאָרגן זיינען אַלע געלאָפן זען דעם יינגן אָפיציר: „דו ביסט'ס יענקעלע?" — איבער נאַכט איז ער, און זיינע מעשים, פּאָפּולער געוואָרן צווישן אַלע אָפּטיילונגען. און נאָך לייענען מיר דאָרטן: ער און נאָך צוויי „זיינען געווען די אָנפירערשאַפט און געקומען די ערשטע אין מאַטילע־פּאָזיציע גלייך אַנטקעגן דעם פיינטס פּאָזיציעס. די פּאַרשטאַרקונג האָט אָנגעהויבן דאָס גרויסע שטורמען דעם פיינטס פּאָזיציעס און פּאַרטריבן דעם פיינט אַריבער דער גרענעץ".

✡

16 יאָר זיינען אַריבער פון דאַמאָלס. יעקב, לערער און דערציִער פון די העכערע קלאַסן אין שולע פון קיבוץ מעוז חיים, וואָס לייגט צו אַ האַנט אויך אויף אַנדערע געביטן אין משק „זיך וואָרפנדיק גלייכצייטיק ווייטער שטודירן" ווי מיר לייענען אין צייטונג פון משק; יעקב, אָפיציר און העלדישער מפקד — גייט אַרויס אין דער שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

אָט וואָס ס'דערציילט איינער פון זיינע סאָלדאַטן און חברים־צר־געווער: „מיר זיינען געפאָרן אין דער שפּיץ פון אויסשפּירערס. נעבן מיר אין קאָמאַנדקאַר איז געזעסן באַפעלגעבער, מיידזשער אביתר, אינגאַנצן אַנטפּלעקט פאַר די קוילן און באַמבן פון פיינט וואָס פייפן איבער אונדז. זיין העלדישקייט און זיין גרויס איינשטעלן זיך האָבן דערמעגלעכט דאָס אַרויסכאַפּן זיך פון פיינטס פּאַנצער־נעץ, אַרויסנעמענדיק אויך די פּאַרוווּנדעטע און אין ווייטערדיקן גאַנג פון שלאַכט — אויך גובר זיין און פּאַרטיליקן דעם פיינט. אונדזער גרופּע אונטער זיין באַפּעלערישקייט, האָט געעפנט דעם וועג פאַר דער דיוויזיע און איר געהאָלפן אויספירן איר מיסיע. ווען דער אָנפירער, אין דער שפּיץ פון הילפס־גרופּע איז אַרויס ראַטעווען פּאַרוווּנדעטע, איז ער געטראָפן געוואָרן..." („דבר", 7.7.1967).

זייער אַ סך איז, ווי אויבנדערמאָנט, געשריבן געוואָרן וועגן מיידזשער יעקב — יענקעלע אביתר — אָפּטער, וועגן זיין לעבן און טויט. דער קיבוצניק און אַרבעטסמענטש, לערער־דערציִער און סטודענט, וואָס איילט זיך שטענדיק העלפן ממש אַנדערע אומעטום און אין יעדער צייט. קאָמאַנדיר — אַלס ביישפּיל, אין צה"ל. זיין לעבן און קעמפן און טויט האָבן אויך געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר שפּאַנענדע אַרטיקלען פאַר צענדליקער טויזנטער לייענערס פון צייטונגען און זשורנאַלן און אין מלחמה־ליטעראַטור נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה און מיר האָבן נישט געבראַכט פון דאָס אַלץ, נאָר אַ קליין ביסל.

זיין פרוי, נירה, געבוירן אין קיבוץ, זיין עלטערער זון נדב — היינט צו טאָג 10 י.אַ.; חגי — 6 י. א., זיין קליין טעכטערל תמר — 17 מאָנאַטן.

באַהאַלטן אויפן מיליטערישן בית־הקברות אין נהריה, הי"ד.

נ. ל.

# רב-סרן דורון מנור

זון פון צפורה און יואל גאכמאן פון קאַרעץ. געבוירן אין רחובות דעם 6־טן יוני 1941.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 9 יאָר זיינען זיי־נע עלטערן אַריבער וווינען אין רמת־גן. ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע „שלווה" און „מאָנ־טעפיאָרע".



געווען אַ חבר אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען אין „הצופים" (סקויטן־אָרגאַניזאַציע), ווו ער איז געווען אַ חבר ביזן מאָביליזירן זיך אין צה״ל.

אין צה״ל האָט ער אַרויסגעוויזן פירערישע פעאיקייטן און איז געשיקט געוואָרן פון איין אָפיצירן־קורס צום צווייטן.

דורון האָט געענדיקט די אָפיצירן־שולע מיט אויסצייכענונג און איז גלייך באַשטימט געוואָרן אַלס אינסטרוקטאָר אין דער זעלבער שולע און דערנאָך איז ער געוואָרן אינסטרוקטאָר אין אַ בריגאַדע.

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט ער באַקומען די ראַנגע פון רב־סרן (מיידזשער). ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס געהילפס (אונ־טער־קאָמאַנדיר) פון פאָלק 50, ווו ער האָט אָנגעהויבן זיין דינסט.

מנור איז געווען פון דער נאַטור זייער באַ־שיידן אָבער בראַוו און מוטיק און שטענדיק געווען דער ערשטער אין יעדער אויפגאַבע און מיסיע.

אין מיליטער האָט ער אויך באַגעגנט זיין חבר'טע, מיט וועלכע ער האָט דערנאָך מיט אַ 3 יאָר צוריק חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין גבעתיים.

דורון האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן קעגן די טעראָריסטישע באַנדעס אין די יאָרן 1965־1966 און 1967, געקעמפט אין די באַוווסטע „נאַכט פון די ברונעמער", אין ראפעת און אין קאַמף אויף סאמויע. זיין געהילף איז געווען גד מאַנעלע ז"ל, וואָס איז געפאַלן אין יולי 1968 אין קאַמף קעגן אַ באַנדע „פתח", צוזאַמען מיט סגן־אלוף (לייטענאַנט־קאָלאָנעל) אריק רגב ז"ל.

אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז דורון געווען אַ קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן אין דער דיוויזיע פון לייטענאַנט־קאָלאָנעל רפול, און געווען פון די ערשטע וואָס האָבן איינגענומען רפיה. ער איז דער ערשטער אָפיציר פון די פּאַראַשוטיסטן וואָס איז דערגאַנגען קיין קאַנטאַ־ראַ און סועץ־קאַנאַל.

אַ מאָנאַט פאַר זיין פאַלן איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס אונטערקאָמאַנדיר פון פאָלק (קאָ־מאַנדיר פון פאָלק איז געווען סגן־אלוף [אונ־טערגענעראַל] משה סטעמפעל ז"ל וואָס איז געפאַלן צוזאַמען מיט אים אין זעלבן געיעג).

צוזאַמען מיט קאָמאַנדיר סטעמפעל האָבן זיי פאַרלייגט נעצן פאַר די באַנדעס פון „פתח" און אויסגעמיטן אויפרייסונגען און מינירונגען.

אין יענעם ביטערן טאָג פון זיין פאַלן, האָבן זיי אַנטפּלעקט, ער און זיינע חברים צום שלאַכט אַ באַנדע וואָס איז אַריינגעדרונגען פון ירדן אויף דער גרענעץ פון יריחו־טאַל. מיטן אַנט־פּלעקן דער באַנדע האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג — ס'געווען זייער אַ הייסער טאָג. די סאָלדאַטן זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ באַרג און זיך דערנענטערט צום הייזל, ווו די באַנדע האָט זיך באַהאַלטן. פלוצים, פון אַ 40 ־ 30 מעטער פון זיי האָט זיך געעפנט אַ פייער און שראַפּנעלן זיינען געוואָרפן געוואָרן אויף די סאָלדאַטן. דער שטאַרקער פייער־קלאַפּ

(סוף אויף זייט 10)

# פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט אין פאַרבאַנד

צבי בערגער

דער פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן, צעזייטע, צעשפּרייטע אויף דער גאָרער וועלט, איז געגרינדעט געוואָרן מיט בערך 4 יאָר צוריק מיטן צוועק צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון 165 הייליקע קהילות, וואָס זענען אַלע שרעקלעך אומגעקומען.

דאָס יאָר האָבן מיר פאַרלוירן אַן׳אַקטיוון פּרוכטבאָרן חבר, אריה אבטיחי ז״ל, פון די הויבט־איניציאַטאָרן און הויפּט־זיילן פונעם פאַרבאַנד. טעטיק און מאַכט טעטיק אַנדערע איז געווען דער מענטש, און אַזוי אָן אויפהער, נישט קוקנדיק אויף זיין קראַנקהייט אין זיינע צוויי לעצטע לעבנס־יאָר. און אַזוי, ביז דער לעצטער מינוט, ווען ער איז אַנידערגעפאַלן און — נישטאָ מער.

כדי צו געפונען אַ טרייסט צו זיין פּלוצלעכן טויט, האָט באַשלאָסן די פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד, אַלע שטאָטישע פאַרבאַנדן צוזאַמען מיט דער פעדעראַציע אין אַמעריקע, מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי אַרויסענדיקן די געביידע. און ווירקלעך. ס׳איז געווען אַ פעסטער באַשלוס — און אינגיכן ווערט כמעט פאַרענדיקט דער „היכל״ לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן.

מיט באַנייטע כוחות וועלן מיר ווייטער פירן די פּרוכטבאַרע אַרבעט פאַר דער שארית הפּליטה. און וואָס שייך די קולטורעלע אַרבעט: די ביבליאָטעק, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער פאַמיליע טשעקווער, וואָס האָט אַן׳אָנגעזעענעם חלק אינעם בנין מיט אַרבעט און געלט, וועט אַנטהאַלטן, בעיקר די יזכור־ביכער פון אַלע פאַרבאַנדן, וואָס זענען דערשינען לזכר די קהילות, די רייכע ליטעראַטור וועגן דער מוראדיקער פאַרניכטונג, ווי אויך אַ סך אַנדערע ביכער — צו דער דינסט פון דער אומגעגנט און יעדן איינעם.

אין דעם התיחדות־זאַל, ווען ער וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט מען קענען באַנייען דעם מנהג פון וואָלינער יידן, וואָס פלעגן עולה זיין צו קבר אבות אויפן הייליקן אָרט און זיך מתיחד זיין מיטן אָנדענק פון זייערע קרובים. ווייל דער התיחדות־זאַל וועט אונדז דינען, און אפשר אויך די קומענדיקע דורות, עולה צו זיין אויף קבר אבות. ווייל אויף די ברידער־קברים וואָס זענען צעשפּרייט ערגעץ־דאָרט אין די פעלדער־וועלדער אין וואָלין, אַ סך פון זיי צעאַקערט און ברוקירט — איז פאַרבאָטן אויף אונדז דער צוגאַנג און אַפילו דאָס איבערפירן זייער געביין איז פאַרבאָטן. ס׳וועלן דאָרט זיין אַלבאָמען מיט פאַראייביקונגס־בלעטער פאַר די פאַמיליעס, צו זייער אָנדענק. אַזוי, וועלן מיר געדענקען אונדזערע קדושים, וואָס ביים לעבן איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס חיות עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל — און זיי האָבן נישט זוכה געווען.

פון צווישן די ווענט פון בנין וועלן מיר אויך פירן אַ דערקלערונגס־טעטיקייט צווישן די שולקינדער אין דער ראָם פון פאַראייביקן קהילות דורך דער יוגנט, כדי זיי צו דערנענטערן צו די גייסטיקע קוואַלן פון זייערע עלטערנס עלטערן; כדי זיי צובינדן צום עבר. די פאַרבינדונגס־פעדים וועלן פירן פון „היכל״.

צום סוף וויל איך אויך דערמאָנען אונדזער ערשטע באַגעגעניש, ווען מיר האָבן באַשלאָסן בויען דעם בנין, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט, ווי דער שטייגער איז, יאָ־זאָגערס און ניין־זאָגערס. ס׳שווער געווען דאַמאָלס פעסטצושטעלן ווער ס׳גערעכט. היינט, ווען מיר זיינען שוין כמעט ביייגעקומען אַלע שוועריקייטן, דערלויב איך זיך זאָגן די ניין־זאָגערס, אַז זיי האָבן אַ טעות געהאַט. איך רוף זיי צולייגן אַ האַנט און אַ פּלייצע צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע.

אויך וויל איך באַגריסן די רעדאַקציע־חברים פון „ילקוט־וואָלין״ מיטן רעדאַקטאָר ה׳ נ. ליבנה אין דער שפּיץ, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַרויסגעבן דעם ילקוט און אַפילו אים פאַרשפּרייטן אין די טויזנטער, אין העברעיש און אין יידיש, וואָס דאָס איז דער יסוד פון שרייבן די געשיכטע, אין איר גאַנצקייט, פון טויזנט יאָר יידן אין וואָלין — אויפ׳ס׳ניי און אַן׳אָרגאַן צו פאַרשפּרייטן דאָס וואָלינער וואָרט צווישן זיך און צווישן דער אַלגעמיינער יידישער געזעלשאַפט, אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט. אַ יישר כוח!

# דער אלוועלטלעכער וואָלינער פאַרבאַנד אין ישראל

חיים פינקעל

וואָלינער יידן אין ישראל און איבעראַל, אָרגאַניזירטע אין זייערע פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, האָבן גענומען אויף זיך אַ גרויסע און שווערע אויפגאַבע: אויפשטעלן אין ישראל אַ מאָנומענט צום זכר פון וואָלינער פאַר־שניטענעם יידנטום.

מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט קומען אויף קבר־אבות פון אונדזערע קדושים, ווייל זייערע קברים זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער וועלדער און פעלדער און סימנים פון אַ סך פון זיי זיינען בכלל אָפּגעמעקט געוואָרן.

אין „היכל יהדות ווהלין" אין ישראל, וועלן די לעבן־



קינסטלערישער פּראָגראַם פון קינדער אין היכל, חוה״מ סוכות תשכ״ט

געבליבענע וואָלינער יידן אין דער וועלט זען די סימ־באָלישע מצבה, ווו זיי וועלן קאָנען זיך מתיחד זיין מיט זייערע טייערסטע, אַראָפּלאָזן אַ וואַרעמע טרער און זאָגן קדיש. אין היכל וועלן מיר פאַראייביקן דעם גייסט פון וואָלינער יידנטום, קולטור, גאונים, שרייבער, עס־קנים, פאָלקסמענטשן און האָרעפּאַשנע מאַסן. אין התיחד־זאַל וועלן מיר קאָנען בלעטערן די אַלבאָמען, אין וועלכע ס׳וועלן געדרוקט זיין די נעמען פון די קדושים און זיך מתיחד זיין מיט זייער הייליקן אָנדענק. דער היכל וועט ווערן דער צענטער פון וואָלינער יידן אין דער וועלט און וועט אפשר פאַראייניקן משפחות, וואָס זיינען געווען צעשיידט יאָרן־לאַנג און זיך נישט געזען אָדער נישט געוווּסט איינער פון צווייטן.

## אָן די הויפּט־גרינדער

די הויפּט־גרינדער און פאַרווירקלעכער פון דעם גע־דאַנק פון „היכל ווהלין" זיינען געווען אריה אבטיחי און צבי בערגער ז״ל. אָן דעם ערשטן, האָט מען זיך בכלל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דער פאַרבאַנד פון וואָלינער יידנטום וועט קאָנען עקזיסטירן און פאַר־זעצן דאָס בויען דעם היכל, ווייל אבטיחי ז״ל איז גע־ווען דער אידעאישער אַרכיטעקט פון היכל, דער וועג־ווייזער און חבר.

צבי בערגער ז״ל, פאָרזיצער פון אַלוועלטלעכן פאַר־באַנד, איז אַוועק פון אונדז פאַרן חנוכת הבית פון היכל, און נישט דערלעבט זען די פייערונג פון זיין רעאַליזירטן חלום. ער וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער ערשטער רייע פון אונדזערע עסקנים.

## אַ גורל׳דיק יאָר

דאָס יאָר 1968 איז געווען פאַר אונדז אַ גורלדיק יאָר פון פאַרשטאַרקטער טעטיקייט. אויסענדיקן דאָס בויען פון היכל, אין וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען וואָלינער יידן אין ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענ־טינע, בראַזיל און פראַנקרייך.

דעם לעצטן חוה״מ סוכות, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן הונדערטער וואָלינער שפּענדער צו אַ צוזאַמענקונפט אין „היכל ווהלין". ס׳זיינען צווישן אַנדערן אַרויסגעטראָטן שילער פון 6 שולן, וואָס האָבן אַדאָפּטירט פאַרניכטעטע קהילות אין וואָלין — מיט געזאַנג און פאָרלעזונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די הונ־דערטער אָנוועזנדע וואָלינער שפּענדער.

## לאַנדסמאַנשאַפטן און שולעס

ס׳כדאי צו באַצייכענען די באַגעגעניש מיט די קאָמי־טעטן פון פאַרשידענע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן מיטן צוועק צו אַקטיוויזירן אַלעמען פאַר אַ פאַרשנעלערטער שפּענדונגס־אַקציע פאַרן היכל און פאַר דעם צוגרייטן די פאַראייביקונגס־בויגנס, כדי צו קאָנען באַצייטנס צוגרייטן אַלבאָמען מיט די נעמען פון די קדושים.

אַ באַזונדער אויפקלערונגס־אַרבעט אויף דעם געביט איז אויך געמאַכט געוואָרן אויף די יערלעכע אזכרות פון צענדליקער וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל מיט דער באַטייליקונג פון די חברים: י. טאַבאַטשניק, ח. פינקעל, ז. גראַבאָוו און י. זיידל.

דורך דער איניציאַטיוו פון די עקזעקוטיוו־מיטגלידער ה״ה יצחק מרגלית און ח. פינקעל, איז געגרינדעט גע־וואָרן אַן אָפּטיילונג פון פאַרבאַנד אין חיפה און אומ־געגנט אונטער דער לייטונג פון חברים: מאַשה הינוך — פאַרזיצער און מרדכי ערליך — סעקרעטאַר.

### דערעפענונגס־רייד פון דעם פאַרזיצער פון דער מועצה ה׳ ש. פּיסיוק, אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג דעם 20.1.69.

מיר האָבן שוין אונטער זיך יאָרן פון אָנגעשטרענג־טער טעטיקייט פאַרן „היכל ווהלין״ אין ישראל און אין אויסלאַנד. מיט גרויס צער באַצייכענען מיר דאָס פעלן פון אונדזער איניציאַטאָר און בויער, אונדזער טייערן חבר, אריה אבטיחי ז״ל. זאָל זיין געבענטש זיין אָנדענק!

מיר וועלן פאַרשטאַרקן אונדזערע באַמיאונגען אויסצופֿענדיקן דעם היכל לזכר די וואָלינער קהילות און זייערע קדושים. אין היכל וועלן מיר פאַראיי־ביקן די שיינע פאַרגאַנגענהייט פון וואָלינער יידנטום. הלוואי זאָלן מיר אַלע זוכה זיין זיך צו באַטייליקן אין די פייערונגען פון דעם טרויעריקן חנוכת הבית פון היכל. מיר וועלן זיך באַמיען אים אָנפילן מיט לעבן. מיר דאַרפן געדענקען, אַז נאָך דער שרעק־לעכער קאַטאַסטראָפע, האָבן מיר דערלעבט צו זען אויך ליכט און פרייד. כ׳מיין דאָס אויפקומען פון מדינת ישראל. הלוואי אויף אייביק, אמן סלה.

איך דערעפן דערמיט די מועצה און בעט מיין פריינד, ה׳ לעאָ טשעקווער, פירן די פאַרזאַמלונג.

מיר האָבן געפונען פאַר נויטיק צו פאַראייביקן וואָ־לינער קהילות דורך שולעס אין ישראל, וואָס האָט אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג. אין ישראל פירט אָן מיט דער אַקציע דער פאַרשטייער פון יד־ושם, פּעדאַגאָג דב אלוני; ה׳ אברהם גל (ראָוונע), דירעקטאָר פון דער שולע אין סאַוויאָן (סביון), פירט אָן מיט דער אַדאָפּ־טירונגס־אַרבעט אין די ראַמען פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד.

## ילקוט ווהלין

אין רעזולטאַט פון עטלעכע זיצונגען, ווי עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון אַרויסגעבן די אויס־גאַבע „ילקוט ווהלין״ אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט און ניוואָ, איז געוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמי־טעט און אַלס רעדאַקטאָר איז איינשטימיק געוויילט גע־וואָרן הער נ. ליבנה.

## יערלעכע פאַרזאַמלונג

דעם 20־טן יאַנואַר ד. י. איז פאָרגעקומען אַ יערלעכע פאַרזאַמלונג פון דער מועצה פון וואָלינער וועלט־פאַר־באַנד, מיטן אָנטייל פון פיל פאַרשטייער פון וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, אויף וועלכע ס׳זיינען אַרויסגעטראָטן מיט באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון וועלט־פאַרבאַנד די ה״ה: מ. בורקאָ, ח. פינקעל, ז. אפּטער און אַדוו׳ ז. ראָזאָווסקי.

## מצבה אויפן קבר פון אריה אבטיחי ז״ל

זונטיק, כ״ה בניסן תשכ״ט (13.4.69) איז פאָרגע־קומען דאָס אנטהילן די מצבה אויפן קבר פון אריה אבטיחי ז״ל אויפן בית־עולם אין נחלת יצחק.

ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם משפחה, פריינט און חברים. אין נאָמען פון הנהגה, וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד און ראָוונער און סטאָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געשילדערט די פערזענלעכקייט פון נפטר ה״ה י. בן־צבי, מ. בורקאָ, מ. קיפער און י. ראַבינאָוויטש. חזן ישראל בן־צבי האָט געזונגען אל מלא רחמים, קאַפּיט־לעך תהלים און געזאָגט קדיש.

## הונדערטער געסט פון אויסלאַנד צום חנוכת־הבית

מיר שטייען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד, וועמען מיר האָבן איינ־געלאַדן זיך באַטייליקן אין די פייערונגען פון חנוכת־הבית פון היכל. די ידיעה האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער און הונדערטער געסט האָבן מודיע געווען, אַז זיי גרייטן זיך קומען צו די פייערונגען.

דער פאַרזיצער פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמע־ריקע, ה׳ ניסן פירער און זיין פרוי, זיינען געקומען קיין ישראל מיט 6 וואָכן פריער, כדי מיטהעלפן צו־גרייטן דעם חנוכת הבית.

מיר באַגריסן די חשובע געסט מיט דער טראַדיציאָ־נעלער באַגריסונג — ברוכים הבאים.

---

א. מ. פערל

## אַלבאָם פון וואָלינער שרייבער

אַ סך יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער האָט אַרויסגעגעבן די וואָלינער ערד. זיי האָבן באַריי־כערט די גייסטיקע אוצרות פון יידישן פאָלק פון אַלע דורות.

צו דער דערעפענונג פון היכל, האָב איך דעם כבוד דערלאַנגען מיין קליינעם ביישטייער — אַן אַלבאָם פון שרייבער, קינסטלער און אַזוי ווייטער, געבוירענע אין וואָלין. אַלע זיינען זיי שוין אויפן עולם האמת, אָבער די שטראַלן פון זייערע שאַפונגען האָבן דערגרייכט אומ־עטום, ווו נאָר ס׳קלאַפּט אַ יידיש האַרץ.

דער אַלבאָם פאַרמאָגט שוין ביים היינטיקן טאָג אַרום הונדערט פערזענלעכקייטן. וועגן יעדן איינעם איז אָנ־געגעבן, לויטן אלף־בית, אין עברית, און אין יידיש,

די צייט און אָרט פון זיין געבוירן און פטירה, וועגן זיינע אויפטו־ווערק, אא״וו.

זאָל מיין באַשיידענע מתנה דערוועקן אין די לאַנדס־לייט דעם ווילן צו זאַמלען פאַרן היכל אַלבאָמען, וואָס זאָלן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די געזעלשאַפטלעכע טוער, העלדן, מוזיקער, לערער א״א, וואָס וועלן זיכער פאַראינטערעסירן אונדזער יינגן דור.

# אין די לאַנדסמאַנשאַפטן

אָנהויב סעפטעמבער איז פאָרגעקומען די יערלעכע אזכרה־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון אָסטראָהער קדושים. מיטן אָנטייל פון הונדערטער לאַנדסלייט. אין נאָמען פון וועלט־פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט ה׳ יעקב זיידל.

## ה אָ ש ט ש

דער פאַראיין ציילט 120 משפחות צווישן זיי אַ סך שוין פון צווייטן דור, געבוירענע אין ישראל. 95 פראָ־צענט פון די האָשטשער אין ישראל זיינען מיטגלידער אין אונדזער פאַראיין. און נעמען אָנטייל אין אַלע אַק־ציעס פון פאַראיין, צאָלן אַ יערלעכן אָפּצאָל. דער פאַראיין האָט עטלעכע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס.

**גמילת־חסדים־קאַסע.** אויפן נאָמען פון ה׳ אברהם מאזאר ז״ל אָפּערירט מיט אַ סומע פון 41 טויזנט ל״י און פאַרן לעצטן יאָר זיינען פאַרטיילט געוואָרן הלוואות בסך־הכל 20.180 ל״י.

**סאָציאַלער פאָנד.** דער פאָנד העלפט נויטבאַדערפטיקע, קראַנקע, אלמנות און אַנדערע. יעדעס יאָר פאַרטיילט דער פאָנד ביז 1.200 ל״י.

**סטיפּענדיעס־פאָנד.** דער פאָנד פאַרטיילט סטיפּענדיעס שילער פון מיטלשולן און אוניווערזיטעט־סטודענטן. פאַרג. יאָר זיינען פאַרטיילט געוואָרן 15 סטיפּענדיעס צום אָנדענק פון רב־סרן יעקב אביתר ז״ל, וועלכער איז געפאַלן אין דער 6־טאָגיקער מלחמה. צוזאַמען 6.000 ל״י.

דער פאָנד פאַרן „היכל ווהלין״. אַלע האָשטשער לאַנדסלייט האָבן זיך בייגעשטייערט מיט אַ ברייטער האַנט. אין היכל וועט זיין אַ צימער צום אָנדענק פון דער האָשטשער קהילה.

יעדעס יאָר תשרי, ווען ס׳פאַלט אויס דער יאָרצייט פון די האָשטשער קדושים, פאַרזאַמלען זיך אַלע לאַנדס־לייט אויף דעם בית הקברות אין קרית שאול, זיך מתייחד צו זיין מיט אונדזערע טייערסטע, אַרום דער מצבה, ווו ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל די הייליקע ביינער אַרויסגענומען פון דעם ברידער־קבר אין וואַלד סימאַנאָוו ביי האָשטש.

## ז ו ו ה י ל

דער זווהילער פאַראיין האָט זיך געווענדעט צו דער רעדאַקציע פון „ילקוט ווהלין״, זי זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן „ילקוט״ צום אָנדענק פון 70סטן יאָרצייט פון באַוווסטן שריפטשטעלער מ. ז. פייערבערג און 50 יאָר זינט די פּאָגראָמען און שחיטות אויף די זווהילער יידן.

אין דעם ילקוט וועלן אויך געדרוקט ווערן שאַפונגען פון די שילער פון דער שולע „ארנון״, וואָס האָט אַדאָפּ־טירט די זווהילער קהילה.

אַן אַקאַדעמיע פון די זווהילער אין ישראל וועט פאָר־קומען כ׳ סיון תשכ״ט.

## אָ ס ט י ל י ע

די הויפּט־טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט ווערט קאָנצענטרירט אין פאַראייביקן דאָס חרוב געוואָרענע שטעטל דורך די שילערס פון דער שולע „היובל״. ס׳איז דערשינען אַ יזכור־בראָשור. צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די שילער.

י״ח אלול תשכ״ח, איז פאָרגעקומען אַן אָנדענקס־אַקאַדעמיע אין זאַל פון דער שולע, מיט דער באַטייליקונג פון די שילער און פון דירעקטאָר פון דער שולע, ה׳ וואסניק אביאל.

די עסקנים פון דער לאַנדסמאַנשאַפט באַזוכן די שולע און דערציילן פאַר די שילער פון די העכערע קלאַסן, וועגן לעבן און חורבן פון שטעטל.

אויך די שולע אין אופקים אונטער דער דירעקציע פון לערער ה׳ צדוק יהב, האָט אַדאָפּטירט די אָסטילער קהילה. און ס׳צו האָפן, אַז אויך די שילער וועלן פאַר־שטיין זייער אויפגאַבע.

די חברים פון אָסטילער לאַנדסמאַנשאַפט שפּענדן פאַרן היכל און פאַרן פאָנד פון א. אבטיחי ז״ל. דער אַדרעס פון דעם ארגון איז: צילה פליישר, רח׳ אבן גבירול 162, תל־אביב, טעל. 446597.

## אָ ס ט ר א ה

אסטראהער לאַנדסלייט שטייען פאַר צוויי אויפגאַבן: דאָס פאַראייביקן די אָסטראָהער קהילה דורך אַ שולע; דאָס העלפן בויען דעם „היכל״, אין וועלכע ס׳וועט זיין אַ צימער אויפן נאָמען פון אָסטראָהער קהילה.

מיט אַ יאָר צוריק איז פאָרגעקומען די אַדאָפּטירונגס־צערעמאָניע פון דער אָסטראָהער קהילה דורך דער שולע „עליות״ אין רמת־גן, צו וועלכן ס׳זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע לאַנדסלייט אין ישראל. היי־יאָר, א׳ טבת, (31.12.1968), אין טאָג פון אַלגעמיינעם קדיש, איז איינ־געאָרדנט געוואָרן אין דער שולע אַ טאָג, געווידמעט דער אָסטראָהער קהילה.

דער „טאָג״ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פייערלעכער לעקציע וועגן אָסטראָה, מיטן אָנטייל פון אָסטראָהער לאַנדסלייט. מיטן אָנצינדן דעם פאַקל לזכר דער אָסטראָ־הער קהילה איז באַערט געוואָרן דער געוועזענער די־רעקטאָר פון דער שולע „עליות״, ה יעקב נאָרדמאַן, זעקס אָסטראָהער לאַנדסלייט האָבן אָנגעצונדן 6 ליכט צום אָנדענק פון די 6 מיליאָן קדושים.

די שילער זיינען אויפגעטראָטן מיט לידער און פאָר־לעזונגען וועגן דער אָסטראָהער קהילה. ס׳האָבן אויך גע־רעדט דער דירעקטאָר פון דער שולע, ה׳ שחורי, דער פאָרזיצער פון אָסטראָהער פאַראיין אין ישראל און ה׳ ח. פינקעל. אין נאָמען פון „יד־ושם״ האָט גערעדט ה׳ דב אלוני און דער אָסטראָהער פאַרטיזאַן ה׳ יוסף גאַליצקי.

## מ ע ז ש י ר ע ט ש

איינע פון די חנוודיקע ווינקעלעך אין וואָלין איז געווען מעזשירעטש, וועמענס איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דעם גרויסן חורבן געפינען זיך אין ישראל און אין קאַנאַדע.

אין ישראל זיינען פאַראַן כמעט אַ 150 משפחות, אין קאַנאַדע (וויניפעג) אַ 100 פאַמיליעס.

אונדזערע לאַנדסלייט זיינען זייער טעטיק מיטן פאַר־אייביקן די קדושים און ביז היינט האָט שוין דער פאַר־באַנד אַריינגעטראָגן העכער 9.000 ל״י און מ׳האָפט צו זאַמלען נאָך. ספּעציעל איז צו באַצייכענען די איבער־געגעבנהייט פאַר דעם „היכל וואָהלין״ פון די חברים מאַד־מאַן מרדכי און ה סבוראי ישראל, וועלכער איז פאַרזי־צער פון פאַראיין.

די קהילה איז אַדאָפּטירט דורך דער שולע א.ג. „רמז״ אין חולון, אָט די דערציאונגס־אַרבעט טוט דער מעזש־ריטשער לערער ה׳ משה אריון. די שילער גרייטן זיך אויך אַרויסצוגעבן אַ בראָשור געשריבן דורך זיי אויף דער טעמע „מעזשירעטש״. ביי דעם פאַראיין עק־זיסטירט אויך אַ גמילית־חסדים־קאַסע.

## ק אָ ר ע ץ

קאָרעצער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט, ווי נאָר ס׳זיינען אָנגעקומען די ביטערע בשורות פון פאַר־ניכטונג. דער אויסגעוויילטער קאָמיטעט האָט געשיקט פעקלעך שפּייז פאַר די לעבנגעבליבענע אין די רוסישע סטעפּעס און געשאַפן פאַרבידונגען אין רוסלאַנד גופא צווישן קרובים, וואָס איינער האָט נישט געוווסט פון צווייטן. נאָך זייער עולה זיין האָבן זיי דאָ באַקומען שטיצע פון פאַרבאַנד.

י ז כ ו ר ־ ב ו ך. דערשינען אין 1961, נאָך 6 יאָר צוגרייטן.

א ז כ ר ו ת. ווערן אָפּגעהאַלטן יעדעס יאָר ערב שבועות, ווען ס׳פאַרגעקומען די ערשטע שחיטה אויף קאָרעצער יידן.

ב י ו ל ע ט י ן. „בית קאָרעץ״, דערשיינט 2 מאָל אין יאָר אין העברעיש און יידיש, אין 700 עקזעמפּליאַרן. ביז איצט זיינען דערשינען 9 צייטונגען.

ג מ י ל י ת ־ חסדים־קאַסע. גיט הלוואות אָן פּראָצענט ביז 1.000 ל״י אויף אַ לענגערער צייט.

ז אַ ל „בית קאָרעץ״. אין 1952 האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג באַשלאָסן בויען דעם זאַל, אַ טרעפפונקט פאַר קאָרעצער יידן פון דער גאַנצער וועלט. איצט ווערט דאָרט אויפגעבויט אַ וואַנט, וווּ ס׳וועלן אויסגעקריצט ווערן די נעמען פון אַלע קאָרעצער קדושים.

א מ צ ב ה פאַר די קדושים. פאַר צוויי יאָרן איז געווען אַנ׳אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט און ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן 2 זעקעלעך אַש און ביינער פון די קדו־שים פון וואַלד קאָזאַק נעבן קאָרעץ. זיי זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אין בית־הקברות נהלת יצחק נעבן טרעבלינקער מאָנומענט. ס׳אַנטהילן די מצבה אויפן קבר וועט פאָרקומען בעת דער אזכרה, ערב שבועות תשכ״ט.

אַ ק ט י ו ו י ט ע ט. די פאַרצווייגטע אַרבעט האָט פאַראייניקט און דערנענטערט צוזאַמען אַלע קאָרעצער. פאָרזיצער פון פאַרבאַנד איז ה׳ נח דגוני, וואָס רעדאַק־טירט אויך דעם ביולעטין און איז אַ חבר אין רעד. פון „ילקוט וואָהלין״.

## ר אָ ו ו נ ע

דער ראָוונער פאַרבאַנד איז דער גרעסטער צווישן די וואָלינער אין ישראל. דער ארגון האָט געפלאַנצט אַ וועלדל פון עטלעכע הונדערט ביימער אין קדושים־וואַלד אין ירושלים, אויפן נאָמען פון דער ראָוונער קהילה.

די ראָוונער קהילה איז אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דער שולע סביון, וועמענס דירעקטאָר ה׳ אברהם גל איז אַליין אַ ראָוונער.

יעדעס יאָר ווערט איינגעאָרדנט די אזכרה לזכר דער ראָוונער קהילה און אירע קדושים אין „יד־ושם״ אין ירושלים, מיטן אָנטייל פון אַ סך הונדערטער חברים.

דער פאַראיין איס ספּעציעל טעטיק פאַרן „היכל וואָהלין״, אין וועלכן ס׳וועט זיין אַ צימער אויפן נאָמען און אין אָנדענק פון די ראָוונער קדושים.

צווישן די אַקטיווע טוער פון די ראָוונער לאַנדסלייט איז כדאי אונטערצושטרייכן די עסקנית חיה לעדן, סעק־רעטאַרין, אַדוו׳ זלמן ראָזאָווסקי, פאָרזיצער און ה׳ יעקב זיידל, און ה׳ שמואל פּיסיוק. זיי זיינען אויך טעטיק אין דער דירעקציע פון „היכל וואָהלין״.

צ י נ ק ל בע״מ

פּראָדוצירער פון מעטאַלענע ראָרן
לייכטע און באַוועגלעכע צו באַוואַסערן און באַגיסן

1) באַוואַסערונג ראָרן, אלומיניום, ״1½ ביז ״14 ביז 18 מ׳ לענג.
2) בוי־ראַמען פון אלומ. פענצטער, טירן, מחיצות, פראָנטן.
3) פּראָפילן פון אלומ. פאַר פאַבריקאַציע און אַרכיטעקטור.
4) פלאַכע אַלומ.־בלעכן און געקייקלטע. געשרויפטע און שוואַרצע ״1½ — ״2.
5) גאַלוואַניזירטע אייזן־ראָרן„ געשרויפטע און שוואַרצע „1½ - „2.

ט ע כ נ י ש ע ר אָ פ י ס: תל־אביב, רחוב העליה 33, טעל. 824790, 822048
פאַבריק און אַדמיניסטראַציע: נייער פאַבריק־צענטער אין פתח־תקוה, טעל. 1־2־3־4־913355

# צבי בערגער ז״ל

מאָנטיק, ו׳ אדר תכש״ט (24.2.1969) איז נאָך אַ לענגערער האַרץ־קראַנקהייט געשטאָרבן צבי בערגער, פאָרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן.

די גרויסע לוויה איז פאַרבייגעגאַנגען דעם „היכל יהדות וואָהלין״, ווו ס׳האָט אים מספד געווען וויצע־פאָרזיצער ה, משה בורקא.

ביים קבר האָבן אים מספד געווען ה׳ חיים דן פון קיבוץ עינת און אַנדערע.

צו די שלושים האָט דער פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אַן אזכרה אין זאַל פון בני־ברית אין תל־אביב אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ מ. בורקא. אויך די פאַרוואַלטונג פון תל־אביבער אוניווערזיטעט האָט איינגעאָרדנט אַ טרויער־אָוונט אין איינע פון אירע זאַלן, אונטערן פאָרזיץ פון גענעראַל (רעזערוו.) דורון, ווו ס׳אויך באַנייט געוואָרן די זאַל און פאַקולטעט פון גייסט־וויסנשאַפטן א. נ. פון פאַמיליע בערגער.

מיר ברענגען דאָ אַ טיילווייזן אויסצוג פון די ווערטער, לויט דער ריי ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן.



חיים דן:
## אויף זיין פרישן קבר

דיין פאַמיליע, דיינע שטאָטישע, דיינע חברים און פריינט זיינען זיך צונויפגעקומען הערנדיק די ידיעה וועגן דיין טויט־אומגליק — דיך באַגלייטן אין דיין לעצטן וועג.

צבי׳ס טויט איז אונדזער אַלעמענס פאַרלוסט און בפרט זיינען זיך מצער די, וועלכע האָבן אים דערקענט פון אָנהויב־אָן און זיינען מיטגעגאַנגען מים אים לענג־אויס זיין גאַנצן וועג.

פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן פייסאַזש איז אויסגעריסן געוואָרן אַ פאַרצווייגטער איינגעוואָרצלטער דעמב, וואָס אין זיין שאָטן האָבן גערוט אַ סך נאָענטע און ווייטע.

פון פאָטערס הויז, העברעאיסט און ציוניסט, האָט ער זיין דערציאונג געזויגן. זייענדיק דאָרט, אין גלות האָט ער געאָטעמט די לופט פון ארץ־ישראל. העברעיש איז געווען זיין שפראַך אויך דאָרט און מיט זיין גאַנצן וועזן איז ער געווען אַריינגעוועבט אין אַלע זאָרגן און אַקטיוויטעט פאַרן אויפבוי פונעם לאַנד. די עליה קיין ארץ־ישראל איז געווען זיין שטרעבונג פון שטענדיק־אָן — און גרויס איז געווען זיין גליק ווען ער האָט זוכה געווען פאַרווירקלעכן זיין חלום.

אַ סך אייגנשאַפטן האָבן זיך אין אים צוזאַמען צונויפגעגאָסן אין איין גאַנצקייט: פראַקטיש, ניכטער און אויסגערעכנט — און נאַטירלעכע נאַאיוויטעט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין גאַנג און פאַרקער מיט לייטן.

דאָס מאַטעריעלע און דאָס גייסטיקע אין לעבן זיינען ביי אים געווען ענג צוזאַמענגעבונדן; אין ים פון וואָכיקייט האָבן אים געצויבערט פונקען פון רוחניות. אַריינגעטאָן אין זיינע עסקים — און אַ ליבהאָבער פון ספר און תלמידי חכמים; גרויע טאָג־טעגלעכע אַרבעט — און דערהויבענע שטרעבונגען.

נאָך זיינע עסקים בייטאָג — זיינען זיינע אָוונט־שעהן געווען געווידמעט דעם כלל און זיינע פּראָבלעמען.

אַליין אַקטיוו, און ברענגט אַנדערע צו זיין אַקטיוו אין פאַרשיידענע קרייזן, און אַלע האָבן אים מכבד געווען פאַר זיין נאָבעלע מידות און ברייט האַרץ.

חיי־שעה זיינען געווען ביי אים פאַרבונדן מיט חיי־עולם. ער האָט געזאָרגט און געטון צו פאַראייביקן זיינע שטאָטישע וואָס זיינען אומגעקומען און פאַרניכטעט געוואָרן. ער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט ביים אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך פאַר זיין קהלה; קהילת האראָכאָוו. נישט נאָר מאַטעריעל נאָר אויך מיט זיינע אַלע גייסטיקע כוחות איז ער געווען אַריינגעטון אין אויספירן דאָס ווערק. געווען פון די איניציאַטאָרס פון אויפשטעלן דעם „היכל יהדות וואָלין״, — אַן אָנדענקס־מצבה פאַר אַ וווּנדערלעכן יידנטום, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן און נישטאָ מער. דאָס זאָרגן צו פאַראייביקן די אומגעקו־

מענע איז נישט אַראָפּ פון זיין טאָגאָרדענונג און צו דעם צוועק האָט ער געווידמעט אַלע זיינע כוחות — ביז ער אַליין איז אַוועק אין דער אייביקייט.

אַ טרייסט אונדזער שוועסטער שרה, זיין טייערע פרוי, וואָס איז אים געווען אַ געטרייע באַגלייטערין אין זיין לעבן און מעשים מיט אמתע איבערגעגעבנקייט. מיר אַלע זיינען שותפים צו איר טרויער — זאָל די צרת הרבים זיין אַ ביסל טרייסט אין איר צער.

זאָל זיין אָנדענק זיין פאַרבונדן מיטן נייעם לעבן אין אונדזער מדינה, וואָס צו איר האָט ער געשטרעבט און אין איר אויפבוי און אויפקום האָט ער געפונען אַ טעם אין זיין לעבן ביז זיין לעצטן טאָג.

## טרויער אָוונט איינגעאָרדנט פון איגוד, צו די שלושים

### משה בורקא :

אין טיפן טרויער האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט זיין פרוי, קרובים, חברים, פריינד פון דעם פאָרזיצער פון אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט, אונדזער טייערער צבי בערגער ז״ל צו די שלושים, כדי מיט ציטער זיך מתייחד זיין מיט זיין אָנדענק און אויסדרוקן אונדזער גרויסן צער. ס׳איז אַוועק פון אונדז פאַר דער צייט אַ געטרייער חבר און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער אויפריכטיקער עסקן, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט איינגעוואָרצלטער וואָלינער יידישער פאָלקסטימלעכקייט.

צבי בערגער ז״ל, האָט זיך באַצויגן מיט ליבע צו יעדן און איז געווען פון אַלעמען באַליבט. באַזונדער אָבער איז גרויס דער פאַרלוסט פאַר זיינע חברים צו דער הייליקער אַרבעט אינעם וואָלינער וועלטפאַרבאַנד, ווייל מיט זיין טויט איז אַוועק אַ רייכע געשטאַלט פון די ערשטע, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פונעם פאַרבאַנד, געווען פון די איניציאַטאָרן און בויער פון „היכל יהדות ווהלין״.

איך האָב צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיטן פאַרשטאָרבענעם מיט בערך 6 יאָר צוריק אויף אַ צוזאַמענטרעף פון אַ גרופּע עסקנים — פאָרשטייער פון וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונעם אומפאַרגעסלעכן אריה אבטיחי ז״ל, מיטן צוועק צו פאַראייביקן די אומגעבראַכטע וואָלינער קהילות און קדושים.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט תיכף פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון צבי בערגער ז״ל און מיר האָבן אין אים געזען די פּערזאָן, וועלכע איז ראוי צו שטיין אין שפּיץ פון דער אונטערנעמונג צו פאַרווירקלעכן דעם הייליקן ציל. און ווירקלעך, ער האָט זיך געשטעלט מיטן גאַנצן ברען צו דער פאַראייביקונג־אַקציע, ער האָט אַליין געשפּענדעט באַדייטנדיקע סומען און האָט באַשטייערט אַנדערע אויפן פאָנד פאַרן „היכל ווהלין״. זיין פּערזענלעכקייט האָט געהאָלפן צוציען ידידים און לאַנדסמאַנשאַפטן, ווייל יעדער וועלכער איז געקומען מיט אים אין באַרירונג, איז באַאיינפלוסט און מיטגעשלעפּט געוואָרן צו דער אַרבעט.

ליבע איז געווען זיין לעבנס־מאָטיוו : ליבע צו מענטשן, צו יידן, צו ארץ־ישראל. און ווי גרויס ס׳איז געווען זיין ליבע צו ציון, אַזוי גרויס איז געווען זיין ליבע צו וואָלינער יידנטום. זיין וואַרעם האַרץ האָט געווייטיקט דעם אומקום פון די 6 מיליאָנען, דאָס פאַרניכטן פון וואָלינער יידן. ער האָט געשטרעבט צו זען דעם מאָנומענט פאַרן דאָזיקן יידנטום — דעם „היכל יהדות ווהלין״ — שוין אויפגעשטעלט און אַפילו אין די לעצטע 2 יאָר, ווען ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין היים, און בעט, האָט ער נישט אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיטן גאַנג פון די בוי־אַרבעטן אין „היכל״. נאָך אינעם לעצטן אָוונט פאַר זיין טויט, האָט ער אַרומגערעדט מיט אונדז, ווי אַזוי צו רעאַליזירן זיין באַדייטנדע שפּענדונג, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אין זיין צוואה פאַרן „היכל יהדות ווהלין״ און האָט אָנגערופן עטלעכע נעמען, וועמען מ׳קען באַשטייערן פאַרן „היכל״.

ליידער האָט ער נישט זוכה געווען צו גיין ביזן סוף פון זיין וועג. אָבער „סוף מעשה במחשבה תחילה״, און דער פאַרשטאָרבענער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויפגעבראַכט דעם געדאַנק צו פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום און אויפשטעלן דעם מאָנומענט צו זייער אָנדענק.

אין פרשה ויקהל לייענען מיר : „ויעש בצלאל את המשכן״, פרעגט דערויף דער מדרש תנחומא : צי דען האָט בצלאל אַליין געמאַכט דעם משכן ? און פאַרענטפערט דערויף : ווייל בצלאל האָט אַוועקגעגעבן אַ סך פון זיין נשמה צו מאַכן דעם משכן האָט דערפאַר דער רבש״ע נישט געקאַרגט זיין שכר און געשריבן : „ויעש בצלאל את המשכן״. אויב מיר וועלן לייענען אָנשטאָט משכן — „היכל ווהלין״ — וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר אונדז אָנשטאָט בצלאל — צבי בערגער ז״ל

מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַראייביקן אינעם דענקמאָל פאַרן וואָלינער יידנטום אויך דעם וואָלינער זון — צבי בערגער ז״ל — מיט וועלכן מיר, די רעשטלעך פון וואָלינער יידנטום האָבן שטאָלצירט, און זיין געבענטשטן אָנדענק וועלן מיר שטענדיק טראָגן טיף אין האַרצן.

### זאב אפטער :

כ׳וויל אָנצייכענען אין עטלעכע שטריכן מיין צוזאַמענאַרבעט מיט צבי בערגער ז״ל אין משך פון כמעט 6 יאָר.

ס׳געווען אין סוף 1962 ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן דורך אבטיחי ז״ל צו דער ערשטער זיצונג פון עטלעכע עסקנים מיט צבי בערגער ז״ל בראש, כדי צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, ווו נאָר ס׳לעבן וואָלינער יידן. צבי בערגער האָט דאַמאָלס געלייענט זיין פּלאַן וועגן די אויפגאַבן פון איגוד, ער האָט דאָס צעטיילט אין צוויי טיילן : דאָס אָרגאַניזירן די וואָלינער אין ישראל און אויף דער וועלט — און דאָס אויפבויען אַ הויז — אַ מצבה לזכר די אומגעקומענע קהילות און יידן דורך די נאַציס ימ״ש. אויך האָט ער גערעדט וועגן טיפן אינהאַלט מיט וועלכן מיר וועלן אָנפילן דאָס הויז, אויב ס׳וועט ווירקלעך אויפגעשטעלט ווערן. און ער האָט אויפגעוויזן מיט אותות ומופתים, אַז די זאַך איז מעגלעך. מיך פּערזענ־

לעך האָט ער איבערצייגט און כ׳בין צוגעשטאַנען צו דער ערשטער ריי פון עסקנים און גרינדער.

אַ יאָר צייט האָט געדויעדט ראָס אָרגאַניזירן דעם איגוד, אַריינציען 30 אירגונים פון וואָלינער קהילות אין ישראל און אַריבער 8.000 פאַמיליעס, כן ירבו, אין דעם ענין. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט מיט וועלכער סהאָבן אָנגעפירט אבטיחי און בערגער ז״ל. צבי בערגער האָט אויך אויף זיך גענרמען אָרגאַניזירן אונדזערע וואָלינער אין ניו־יאָרק. און ווירקלעך, ער האָט דאָס געטון מיט טאַלאַנט, צוזאַמען מיטן ישראלדיקן ריכטער פ. אבישר.

ווען מיר האָבן צונויפגעזאַמלט אַ סומע פון 100.000 ל״י, האָבן מיר באַשלאָסן אָנהויבן בויען. ס׳האָבן זיך דאַמאָלט געשאַפן 2 טיילן „יאָזאָגערס״ און „ניין זאָגערס״. צבי, מיט זיין שווערער לאַסט האָט איבערוויגן פאָזיטיוו.

צוליב זיין קראַנקהייט האָט צבי נישט גענומען אויף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכן פאָסטן ביים עצם בויען פון „היכל״, אָבער ער איז שטענדיק געשטאַנען מיט אונדז אין פאַרבינדונג און זיינע עצות זיינען געווען זאַכלעך און געבראַכט נוצן.

אויך ווען ער איז געווען שווער קראַנק, האָט ער זיך נישט דערווייטערט אינגאַנצן פון דער אַרבעט. מיר זיינען געקומען צו אים אויף באַראַטונגען. אַזאַ טעלעפאָנישער געשפרעך און באַראַטונג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן מיט אים ערב זיין פטירה.

צבי בערגער ז״ל איז נישט געווען פרעזעס פון איגוד מיט כוח, נאָר מיט גייסט און פאַרשטאַנד. ער האָט אונדז שטענדיק צוגעגעבן מוט, ענערגיע און ווילן כדי צו שאַפן און צו טון. געוויס, מיר וועלן אַלע פאַרזעצן די אַרבעט. זיין נאָמען וועט ווערן פאַראייביקט אין היכל אַלס איינער פון זיינע שאַפערס און גרינדער.

## ניסן פּירער:

איך און מיין פרוי, און אין נאָמען פון אַלע וואָלינער אין דער „פעדעראַציע״ פון ניו־יאָרק, שליסן מיר זיך אָן מיט אייך, טייערע חברה שרה בערגער און מיט אַלע חברים אין ישראל, היינט אָונט צו די שלושים נאָך אונדזער ליבן חבר צבי, צו לאָזן אַ טרער אין טיפן טרויער אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון זיין פריצייטיקן טויט. ווען ער איז ביים סאַמע פאַרענדיקן דעם היכל, זיין גרויסער חלום — אַוועקגעריסן געוואָרן.

צבי האָט איבערלאָזן אַ סך גוטע זכרונות צווישן זיינע חברים און פריינד סיי אין „איגוד עולמי של יוצאי ווהלין״ סיי אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ווו זיין נאָמען וועט שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט ליבע.

ער האָט אַזוי לאַנג, ווי זיינע כוחות האָבן אים געלאָזן, געווידמעט זיין צייט און ענערגיע אויפצושטעלן דעם מאָנומענטאַלן דענקמאָל לזכר די אומגעבראַכטע וואָלינער יידן. ער איז תמיד געווען פול מיט צער און ווייטיק נאָך זיינע קרובים, וועלכע זיינען גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן.

מיינע דערינערונגען ציען זיך צום סאַמע בראשית פון דעם „היכל״ ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן, פנים אל פנים מיט דעם ערשטן שליח פון דעם „היכל״.

דאָס איז געווען אין זומער 1963 בשעת די בערגערס באַזוך אין ניו־יאָרק. כ׳בין געווען דערפרייט צו זען צוויי וואַרעמע, היימישע מענטשן, כ׳האָב באַלד דערפילט דעם פלאַם און גלויבן; און דעם חלום פון יענער צייט און איצטיקער ווירקלעכקייט... ער האָט פאַר מיר געמאָלן אַ בילד פון אַ „דענקמאָל״, מיט אויפקלערונגען און מיט פאַרבן, וואָס האָבן ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג און אין זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך פון האָפענונג און געבעט, זיך אָנשליסן און מיטאַרבעטן... און איידער כ׳בין פון זיי אַוועק, האָב איך געוווּסט, אַז כ׳בין געפאַנגען אין דער נעץ פון דעם פּראָיעקטירטן דענקמאָל, דעם „היכל״. און אויב מיין ווינקייט האָט מיט עפעס זיך באַשטייערט, איז דאָס אַ דאַנק צבי בערגער, פון יענעם הייסן פרימאָרגן אין ניו־יאָרק.

דורך די עטלעכע יאָר, זינט דאַמאָלט, האָב איך געטראָגן אַ ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו דעם האָראָכאָווער לאַנדסמאַן און דעם פרעזידענט פון איגוד.

נעמט אָן טייערע שרה, אונדזער אויסדרוק פון סימפּאַטיע. איר זענט אַן עדות פון יענעם טאָג. זייט געטרייסט מיט דער פאַרווירקלעכונג פון אייער ביידנס חלום.

## דוד טהורי:

ס׳ניט אַזוי לייכט צו דערציילן וועגן צבי בערגער ז״ל, זיין פערזענלעכקייט, נאָבעלע אייגנשאַפטן, מעשים טובים א. א. וו. — אין קורצן. דאָס איז מיין געפיל און געוויס פילן אַזוי אַלע זיינע נאָענטע פריינט. אָבער ווען עמיצער זאָגט מיר אויסדרוקן דאָס אַלץ אין איין וואָרט וואָלט איך געזאָגט — „פריינט״. געווען אַן אמתער פריינט! אַלס פריינט פון אונוועריזיטעט איז ביי אים גאָרניט געווען טייער, צייט, מי און געלט. זיין געטריישאַפט איז געווען ממש אומבאַגרענעצט. ווען ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם געדאַנק פון בויען דעם היכל ווהלין האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט האַרץ און נשמה. וואָס שייך זיין געבוירנשטעטל האָראָכאָוו — איז ער ממש געווען ווי „משוגע״ און ניט גערוט, גאַנצע צען יאָר, ביז ס׳דערשינען אַ פּרעכטיק בוך צום אָנדענק פון שטעטל, וואָס אָן אים וואָלט עס ניט דערשינען.

דאָס הויז פון שרה און צבי בערגער איז געווען פּאָפּולער פאַר אַלע וואָס האָבן זיי נאָר געקאָנט. אָפן, מיט ראַט און טאַט, מאָראַלישע און ממשותדיקע הילף. מיט אַן׳אָפן האַרץ און אָפענער האַנט. ער האָט געגרינדעט די גמילות־חסדים קאַסע פון די לאַנדסלייט און ניט איינמאָל האָט ער געגעבן מתן בסתר, כלומרשט אין נאָמען פון דער קאַסע. נאָכמער. צבי האָט ניט געוואַרט ביז מ׳וועט קומען צו אים, ער האָט שוין געוווּסט ווער ס׳איז נויטבאַדערפטיק, ער האָט זיי אויסגעפונען. אַ נייער עולה אָדער אַ טוריסט, לאַנדסלייט — קודם כל האָט מען באַזוכט אים. צו דער אמתער פרייד פון די בערגערס, וואָס האָבן זיך שטענדיק געטיילט מיט אַנדע־

רע. איז קיין וווּנדער ניט וואָס זייער הויז איז געווען אַ פֿאַרזאַמלונגס־פונקט פאַר פריינט און חברים ביי יעדער געלעגנהייט. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט צבי ממש געשטראַלט און אים זעענדיק — אויך זיינע פריינט. און אַזוי ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַרן כלל און פאַרן פרט.

ס׳איז אַוועק פון אונדז אַ גרויסער פריינט. אַזוי וועלן מיר אים שטענדיק געדענקען.

## נתן ליבנה :

צבי בערגער ז״ל, וואָס צו באַהערן זיין אָנדענק האָבן מיר זיך דאָ אַלע פאַרזאַמלט, האָט זוכה געווען אין לעבן און איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערשטער פאָרזיצער (פרעזידענט) פון אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון לעבנגעבליבענעם וואָלינער יידנטום. פון ערשטן טאָג אָן ביז זיין טויט. דאָס איז אַ זכיה.

ווען ס׳וועט אויפסנייַ געשריבן ווערן די געשיכטע פון טויזנטיאָריקן וואָלינער יידנטום, וועט אַ באַזונדערער באַנד, דער לעצטער, זיין געווידמעט די וואָלינער יידן, וואָס לעבן היינט צו טאָג אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט. זייער אָרגאַניזירן זיך צוזאַמען אין איין אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד, זייער אויפטו, דאָס בויען דעם היכל — די גרויסע מצבה צום אָנדענק פון זייערע קדושים, אאַ״וו. צבי בערגער ז״ל, אַלס ערשטער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זיין ערשטן איניציאַטאָר אריה אבטיחי ז״ל, וועלן פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין אָט דעם באַנד געשיכטע.

צו איז צבי בערגער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַרבאַנד צופעליק, צו אין זכות פון אייגנשאַפטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכנט מער פון אַנדערע ?

די איינציקע צופעליקייט איז געווען זיין חבר׳ן זיך מיט אַ גוטן חבר — אריה אבטיחי. אבטיחי האָט אים מיטגעצויגן מיט זיך, ער איז אויך געווען צווישן די וואָס האָבן אים געקרוינט, אָבער נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אָנגעצונדן אין אים דער פונק פון ליבע צום וואָלינער יידנטום איז בערגער ז״ל געוואָרן אַ שפעפערישער כוח פון אייגענער ענערגיע און התלהבות. ער איז געפאָרן מיט שרהן, זיין פרוי, אָרגאַניזירן אונדזערע וואָלינער חברים אין ניו־יאָרק — דאָרט האָט צוגעשפילט דאָס מזל און ער האָט זיך באַגעגנט (צוזאַמען מיטן ריכטער פ. אבישר) מיט ה׳ ניסן פירער — דער איצטיקער פרעזעס פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע, וואָס איז „שולדיק״ אין דער גרויסער באַוועגונג דאָרט. אָבער דאָס איז אַ פרשה פאַר זיך. צבי איז געווען איבערגעגעבן דעם ענין מיט לייב און לעבן. נישט נאָר צום היכל האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט. ער האָט אויך געזאָרגט פאַרן קומענדיקן אינהאַלט אין אים. ער האָט אויך געזאָרגט פאַרן ביסל רוחניות. ס׳אים געגאַנגען אין לעבן, אַז דער „ילקוט וווהלין״ זאָל ווייטער דערשיינען — און אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט.

כדי צו דערקענען זיין פערזענלעכקייט, איז גענוג צו לייענען וואָס ער האָט געשריבן וועגן אבטיחין ז״ל נאָך זיין טויט. עטלעכע ציטאַטן בלויז : „ער האָט ווי געלעבט אין אַן אַנדער וועלט פול מיט געפילן און גוטע, מענטשלעכע באַציאונגען. פון ברודערשאַפט און פריינדשאַפט. געגוי ווי די גדולי הדורות אין וואָלין, וואָס זיי און זייער לערע האָט ער געוואָלט פאַרטייטשן אונדזער דור און די קומענדיקע דורות, כדי זיי זאָלן גיין אין זייער וועג. אַ וועג, אין וועלכן ער האָט זיך באַמיט, קודם כל, גיין אַליין״.

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, שרייבט איינער וועגן צווייטן, קודם כל, דאָס וואָס ער זעט פון זיך אַליין. בערגער ז״ל האָט געזען זיין חבר אבטיחי ז״ל ווי ער האָט געזען זיך, ער האָט אים צוגעשריבן זאַכן, וואָס ער אַליין האָט צו זיי געשטרעבט, וואָס ער אַליין האָט זיך באַמיט צו טון. דאָס דערמאָנט אונדז דאָס באַוווּסטע ליד פון ביאַליקן : „נאָך מיין טויט, באַקלאָגט מיך אַזוי״ אאַ״וו. דאָס ליד האָט ביאַליק געווידמעט פייערבערגן נאָך זיין פריצייטיקן טויט. ווען ביאַליק איז געשטאָרבן, האָבן אַ סך ציטירט דאָס ליד, ווי ער וואָלט׳ס געשריבן וועגן זיך אַליין. אויך דאָס איז געווען ריכטיק. ביאַליק און פייערבערג, בערך אין איין אַלטער, ביידע געבוירענע וואָלינער (פייערבערג — אין זוויהיל און ביאליק אין דאָרף ראדי, ביידע אין זשיטאָמירער קרייז) ביידע פון די אבות פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור — איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ביאַליק האָט געשעפט ווערטער פון זיין טיפן „איך״ וועגן פייערבערגן.

פונקט אַזוי האָט געטון בערגער ווען ער האָט געשריבן וועגן זיין פריינד אבטיחי. ביידע זיינען געווען חברים פון איין „שטאָף״. ביידע איניציאַטאָרן פון וואָלינער פאַרבאַנד, וועמען דער פאַרבאַנד וועט צוזאַמען שטענדיק געדענקען.

# טרויער-אָוונט אין ת״א אוניווערזיטעט

## יוסף טאַבאַטשניק :

איך האָב זיך באַקאַנט מיט צבי בערגער ז״ל אין צוזאַמענהאַנג מיטן בויען דעם „היכל וווהלין״. די קורצע צייט איז געווען גענוג פאַר מיר, צו דערקענען אים אַלס מענטש און אַלע זיינע מעלות. עטלעכע מענטשן האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט ביי די בערגערס און דאָרט האָבן מיר געחלומט בויען דעם „היכל״. מיר האָבן תמיד געפילט אין שטוב פון פאַמיליע בערגער, אַ היימישקייט, אַ וואַרעמקייט. צבי ז״ל, פלעגט אָפט מאָל זיך באַנוצן מיטן וואָרט „וואָלינער״ און פלעגט עס באַטאָנען מיט אַ באַזונדערער ליבע. ער איז ממש געווען פאַרליבט אין דעם וואָלינער יידנטום. כ׳געדענק אַן אָוונט ביי די בערגערס, ווען אונדזער פאַרשטאָרבענער חבר א. אבטיחי ז״ל, האָט אויסגערופן הויך, מיט אַ חסידישער התלהבות, ווי ער וואָלט געקרוינט אַ רבין : „מיר האָבן שוין אַ קאָמיטעט״.

צבי בערגער איז דאַמאָלס אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער (פרעזידענט) פונעם איגוד און איז געבליבן ביי דעם הויכן אַמט ביז זיין טויט. ער און אַבטיחי ז״ל, האָבן געהאַט איין געמיינזאַמען גורל ; ביידע האָבן געזען דעם „היכל״ בלויז פון דער ווייטנס און האָבן נישט זוכה געווען אַריינקומען אינעווייניק.

(סוף אויף זייט 49)

## FROM SADNESS TO JOY

**"Hechal Yaadut Wolyn"**, the imposing beautiful building, erected in memory of Wolyner Jewry, who were exterminated during the holocaust — is about to be dedicated and officially opened.

Jews of Wolyner origin from all over the free world, brothers and sisters — kin of those who perished, joined in their efforts and worked tirelessly towards the achievment of this goal.

Memories of our dear ones, endless grief at their bitter plight fill our hearts, even now at this solmn occasion.

Yet, this day we dreamed of and aspired for, is also a cause for joy and deep satisfaction to all of us who were united in this sacred aim.

It is paradoxical, that with us Jews, joy and grief go side-by-side. At a Jewish wedding tears flow before the ceremony begins; The day of independence — the greatest event in contemporary Jewish history, a day of real joy and celebration, is preceeded by a day of mourning for those who gave their lives, so that the state of Israel may live.

Likewise, we, Wolyner Jews, after tears and grief for the many years, are entitled to a breathing spell and permit ourselves to enjoy in full measure the crowning moment of our accomplishment.

We should derive double joy from the realization, that this moment is living proof, that Wolyner Jewry is far from dead; that the luminous personalities of Jewish Wolyn — it's Poets, Writers, Rabbis, Philosophers and others, distinguished in public life.

That our parents, brothers and sisters who were brutally tortured and murdered, and whose graves are not even known, will how find their repose within this structure. Also those, who died a natural death, with cemeteries dececrated and obliterated, will now find their rest here.

Aren't we witnessing restruction in this, as well as in the greater phenomenon — the revival of our people as a nation in its own land, the land of their Forefathers?

Elsewhere in this issue there is a short tale from the pen of David Cohen about Rabbi Pinchas from Koretz. After many years of longing he finally was on the way to realise his longtime dream to settle in the Holy Land. Heaven decided otherwise and the Rabbi took ill, somewhere on the road. Sensing and knowing that his end is near, the Rabbi called for the leadres of Koretz jewry to his dying bedside.

With a sobbing voice he told them that he sees the town of Koretz devestated and destroyed, that no living Jews are left there, neither are dead ones left, for all tombstones were removed from their graves.

He then proceeded with a stronger voice to console them:

"I see a radiathing light caming from the east. Many of you will follow that light and settle in the Land of Israel. It is they, who will once more revive your town and Koretz will be perpetuated."

The "Hechal Yaadut Wolyn" is living proof to this last vision of the Rabbi. Wolyner Jewry will live again within the walls of this monument. It's spirit will rise high and mighty and we — it's builders — will justly take pride in this worthy tribute to the memory of our martyrs.

**Yalkut Wolyn**

## WELCOME TO OUR ENGLISH SECTION

At a recent meeting of the Editorial Board of "Yalkut Wolyn", a resolution was passed and adopted to add an English column to the Yalkut. This is intended for the youth, descendants children of Wolyner Jews in english speaking countries, who have a scant knowledge of Yidish, so that they, too, may get acquainted with the histroy of Wolyner Jewry. They will thus be better able to appreciate the monument now being erected in Israel under the nam of **Heichal Yahaduth Wolyn**.

For our first introductory remarks in this issue, we will confine ourselves to a brief description of the meaning of the **Heichal** and the Yalkut.

Why Heichal Wolyn, why the Yalkut?

The settlement of Jews in Wolyn, A state in Ukraina/Poland exceeding in size the state of New-York dates back 1000 years. Over 160 towns townships and villages populated with Jews, existed in Wolyn. Their total number was close to one million.

Complete extermination of our people, including descration of cemeteries, took place during the Nazi Holocaust, removing all vestiges of Jewish life in that area. During its existence, Wolyn Jewry made important contributions to Jewish thought, religion, literature, philosophy, etc. Many prominence, leaders in public life, would make an impressive list of such names.

It is unthinkable that such a rich heritage should get lost and disappear from the annals of Jewish history. Hence, Wolyn Jews here in Israel and their counter parts in America and other countries in the free world, have jointly undertaken to build the **Heichal** as a living monument to our martyrs, serving as it will also the cultural and educational needs of Israel.

In addition to a general memorial room on the style of **Yad Vashem** and individual rooms for certain Wolyner towns, equally dedicated to the memory of its victims. The Heichal will contain a library and reading rooms, as well as an auditorium with a 600 seating capacity for lectures and other cultural functions.

The library will have books in several languages, dealing with the Holocaust and also covering the various aspects of Jewish life during the many centuries of its existence before the extermination era. A wide selection of books on miscellaneous topics of universal interest will make the library and its adjacent reading room a research and study place for Israeli students. The Heichal will thus measure up and fulfill the hopes and dreams of those who conceived it and who set for themselves the goal of making it a living monument — a cultural centre visited and frequented by the youth of the country.

The Yalkut Wolyn is a worthwhile and necessary supplement to the Heichal in that it helps to collect and preserve stories and portrayals of Jewish personalities and events of the new extincy life of Wolyn-Jewry. The Yalkut is now in its fifth year of publication. The current issue being No. 25. It is now planned to appear twice a year on a semi-annual basis. We shall endeavour in the coming issues to broaden the English section and present to our readers a wider coverage of the choice material appearing alongside it in Yidish.

**Leo Checkver**

(סוף פון זייט 46)

אויף די זיצונגען פון קאַמיטעט, פלעגט צבי בערגער ז״ל רעדן וועגן די פליכטן פון „היכל וואהלין״. ער פלעגט זאָגן, אַז דער „היכל״ דאַרף נישט בלויז פאַראייביקן די אומגעבראַכטע קדושים, נאָר אויך דינען אַלס אַ זאַמלפונקט פון די קולטורעלע און גייסטיקע אוצרות פון וואָלינער יידנטום אין פאַרלויף פון טויזנטיאָריקער עקזיסטענץ פון ברוינזדיקן נאַציאָנאַל־לעבן, פון וואַקלענישן, יסורים, משיח־באַוועגונגען און שרעקלעכע פאָגראָמען.

צ. בערגער שטאַמט פון אַ ציוניסטישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און ער אַליין האָט אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע טעטיקייט נאָך אין די יונגע יאָרן. ער האָט אָנגעפירט מיט קרייזן פון יוגנט, וועלכע ער האָט צוגעגרייט צו דער עליה קיין ארץ־ישראל. די פאַרזעצונג פון זיין וועג. איז געווען דאָ, אין לאַנד. דאָ איז ער געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געפירט אַ מלחמה פאַר יידישער אַרבעט צוזאַמען מיט די פאָרגעשריטענע פרדסנים, איז געווען טעטיק אין דער הגנה, אין דעם פאַרבאַנד פון די פריינד פאַר דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים און שפּעטער, פאַר דעם תל־אביבער אוניווערסיטעט, וועמען ער האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן טייל פון זיין ירושה. ער האָט ריכטיק אָפּגעשאצט די וויכטיקייט פון באַהערשן די וויסנשאַפט דורך דער יוגנט און מיט איר הילף, וועלן מיר קענען פאַרפעסטיקן אונדזערע פאָזיציעס אין לאַנד און ביישטיין שוועריקייטן.

צבי בערגער ז״ל און אַלע אַנדערע ווי ער, האָבן מיט זיך געבראַכט פון זייער אַלטער היים אַ נאַציאָנאַלגייסטיקן באַגאַזש און דאָ האָבן זיי אים צעזייט מיט אַ ברייטער האַנט. פון די קערנדלעך זיינען אויסגעוואקסן פרוכט־ביימער, פון וועלכע מיר אַלע געניסן.

ווהין מיר קערן זיך, פילן מיר, אַז ער פעלט אונדז. ער פעלט אונדז אַלס אַ כוח, וואָס פאַראייניקט, צעמענטירט. פיל קאָמפּליצירטע זאַכן פלעגט ער דערליידיקן מיט זיין געלאַסענעם צוגאַנג און מיט זיין באַזונדערן חן.

—✡—

אין נאָמען פון אוניווערזיטעט, האָט אָנגעצייכנט שטריכן וועגן צבי בערגערס פערזענלעכקייט ד״ר משה ישי.

---

ס'אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז דער פרעזעס פון אונדזער אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד

# צבי בערגער ז״ל

**מאָנטיק, ו' אדר תשכ״ט, 24.2.1969**

**פון די ערשטע גרינדער פון פאַרבאַנד און פון די בויערס פון „היכל יהדות וואהלין״. באַהאַלטן געוואָרן אין קרית־שאול, דינסטיק, ז' אדר תשכ״ט.**

**וועלט פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט אין ישראל**
**פרעזידיום, ראַט און פאַרוואַלטונג**
**רעדאַקציע פון „ילקוט וואהלין״**

תל-אביב הוצאת האיגוד העולמי של יוצאי ווהלין

דפוס „אור", רחוב לבנדה 36, טלפון 36910 ת"א